№ 2 Opłata pocztowa opłacona ryczałtem. • פרייז 20 גראשן. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljot. Jagiellonska
Kraków
[illegible]

[illegible]

[illegible]
רעדאקציע און אדמיניסטראציע
[illegible] אלעע 6. — טעלעפאן 304

[illegible]
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 304.
[illegible]

Piątek 10 stycznia 1936 | ליכט-צינדען 3.29 | פרייטאג, פ׳ ויחי ט׳ו טבת תרצ״ו

א שטוב אין דער 1-טער אלעע
צו פערדינגען פאר צוויי סובלאקאטארען.
ערקינדיגען זיך ביי מ. לייכער, אלעע 2.

12 גר. קאסט קראגענס מיט לאנג - דויערענדען שפיגעל-גלאנץ 50 גר. קאסט א העמד

אויך נעמען מיר אן כעמיש צו רייניגען און צו פארבען אלערארט קליידונג.

ספעציאליטעט: 1) פארבען לעדערנע קורטקעס
2) דעטאשירען (ארויסנעמען פלעקען אהן וואשען).
אכטונג: פלעקען ווערען ארויסגענומען אויפ׳ן ארט

FARBIARNIA, i PRALNIA CHEMICZNA
„KRYSZTAŁ"
ul. Berka Joselewicza 2.

טיעף ערשיטערט פונ׳ם גרויסען אומגליק צוליעב׳ן טויט פון אונזער מחותן און שווער

לייב בלאה נ״ע

דריקען מיר אויס דער פערבליבענער פרוי און קינדער אונזער טיעפסטען צער און מיטגעפיהל.
המקום ינחם אתכם.

שמואל אבא רוסאק, יחיאל ירוחם געלבארד (בני ברק) כתריאל סוסאק.

דער פאמיליע **בלאה** אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל צו-ליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון זייער טייערן מאן און פאטער

לייב ז״ל

המקום ינחם אתכם!

סאנדיל וואלקאוויטש און פרוי.

הננו מביעים את צערנו הגדול לרגלי מות ידידנו האיש המצוין והנעלה

לייב בלאה ז״ל

המקום ינחם את משפחתו שנתיתמה!

אלישע ארענדארטשיק ומשפחתו
אברהם פאקולא ורעיתו.

את השתתפותנו בצערה ויגונה של משפחת **בלאה** במות עליה עטרת ראשם

לייב בלאה ז״ל

מביעים

יחיאל הערשליקאוויטש ומשפחתו
משפחת בוימאן

דער **פאמיליע בלאה** אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל צוליעב׳ן פערלוסט פון זייער עהרענווירדיגען מאן און פאטער, אונזער פריינד

לייב ז״ל

דוד פעלטא און פאמיליע.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל אונזערע פריינד **פעסע** און **כתריאל סוסאק** צוליעב׳ן טויט פון זייער בעליעבטען און געאכטעטען פאטער און שווער

לייב בלאה ז״ל

דריקען אויס

זינדעל ליביצקי און פרוי

את השתתפותנו בצער לרגלי מות רעי וידידי

דוד יודא זעלקאוויטש נ״ע

שרוב שניו עסק באמונה בעד החיים והמתים
והננו מביעים תנחומים למשפחתו

בנימין ורשבסקי ומשפחתו.

נדהמים לרגלי מות של דודנו

דוד יודא זעלקאוויטש נ״ע

הננו מביעים את השתתפותנו בצער למשפחתו הנשארה

משפחת ברוך יעקב זלקוביץ נ״ע

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל צוליעב׳ן טויט פון

דוד יודא זעלקאוויטש

משה פערעצזאוויטש און פרוי

צוליעב׳ן טויט פון אונזער בעסטען פריינד

משה קאץ נ״ע

דריקען מיר אויס דער איבערגעבליבענער פרוי, קינדער און פאמיליע אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל.

העלא ביבער און **אנשיל רענקשאווסקי.**

צו דער חתונה פון פרל. **אסתר לעווקאוויטש**
מיט ה׳ **בענדעט זיסהאלץ**
ווינשט א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליך צוזאמענלעבען.
יצחק הירשבערג און פרוי, וויעלון.

עטופי צער ואבל הננו מודיעים על דבר מות של חברנו הגבאי דחברה-קדישא, העסקן ורב פעלים

דוד יהודה זעלקאוויטש ז״ל

שנאסף אל עמיו ביום ה׳ ז׳ טבת תרצ״ו בשנת ה72 לימי חייו.
והננו מביעים תנחומים למשפחתו.

חברה קדישא בוילון.

ברוב צער ויגון אנו מודיעים על אבידתנו הגדולה במותו של יושב-ראש של מועצתנו

לייב בלאה ז״ל

האיש המצוין במדות תרומיות ונעלות, העסקן הצבורי, שנפטר ביום ד׳ י״ג טבת תרצ״ו בשנת ה56 לימי חייו והננו מביעים את השתתפותנו וצערה הגדול של משפחתו שנתיתמה.

השלטון והמועצה של הבנק ספולדזילטשי
בוילון.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער פערוואלטונג און ראט פון באנק ספולדזיעלטשי צוליעב׳ן פריהצייטיגען טויט פון פרעזעס פון ראט, מיטגליד פון דער קאארדינירקאמיסיע

לייב בלאה נ״ע

ראט און **פערוואלטונג** פון **באנק קדעדיטאווי**
אין וויעלון.

גדולה האבידה וגדול הכאב לרגלי מות חעסקן הצבורי הנאמן

לייב בלאה ז״ל

המקום ינחם את משפחתו.

יוסף שאיא ורעיתו.

הננו מבכים את האבידה הגדולה בהלקח מאתנו חברנו חבר השלטון והמוסד של „הכנסת אורחים"

לייב בלאה ז״ל

האיש המצוין והנעלה והננו מביעים את השתתפותנו העמוקה בצערה הגדול של משפחתו שנתיתמה

השלטון של „מעות עניים והכנסת אורחים"
בוילון.

אלע די, וועלכע האבען זיך בעטייליגט אין מיין צער צוליעב׳ן טויט פון מיין טייערן ברודער

משה קאץ נ״ע

איבערהויפט דער חברה-קדישא אין ביאלא ביי בילץ מיט איהר וויצע-פארזיצער ה׳ לעווינגער, דעם ה׳ ראבינער פאר די ווארימע ווערטער ביים קבר ווי אויך דעם ה׳ ח. באדנער, גאר בעזונדער מיינע טשענסטאכאווער חברים, וועלכע זענען געקומען צו פאהרען אבגעבען דעם לעצטען כבוד, דריקט אויס דעם טיעפסטען דאנק

שמואל קאץ.

אונזער טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דער

פאמיליע קאץ און ביעלסק, ווי אויך דעם ה׳ **שמואל קאץ**

צוליעב׳ן טויט פון זייער מאן, פאטער און ברודער

משה נ״ע

זייט געטרייסט!

שמואל ניעמיראווסקי און פרוי

Wszystkim, którzy wzięli udział w oddaniu ostatniej posługi drogim nam zwłokom

b. p. Arona Warszawskiego

wyrażamy serdeczne „Bóg Zapłać".

Żona, Córka i Rodzina.

דעם רעד. לאזאר קאהאן אין ווארשא
צו זיין 50-יעהריגען יובילעאום
ווינשט א ווייטערדיגע פרוכטבארע טעטיגקייט אויפ׳ן געביעט פון דער געזעלשאפטליכער ארבייט בכלל און יוד. זשורנאליסטיק בפרט

רעדאקציע
„טשענסטאכאווער צייטונג".

פייערלעשער = זאל.
לעצטע גאסטשפילען פון
גיזי היידען, שלמה פריזאמענט, מיט׳ן אנטייל **מ. קליין.**

היינט, פרייטאג, ד. 10 יאנואר 9.30 אוונט
די שטארק-אויסגענומענע אפערעטע **„דאס קלעזמערל"**
אין 3 אקטען מיט מוזיק פון ש. פריזאמענט.
נאך דער פארשטעלונג: 1. **שבת-גוי** 1 אקט פון ש. פריזאמענט. 2. **לידער** און **ראמאנסען** אויסגעפיהרט דורכ׳ן אנסאמבל. 3. **טענץ** אויסגעפיהרט דורך ר. זאמין.

אכטונג! שבת, ד. 11 ד. ח.
לעצטע געזעגנונגס = פארשטעלונג.
וואס? לייענט אין די מארגענדיגע אפישען.

אונזערע הארציגסטע וואונשען דער פאמיליע **ווארשאווער** צו די תנאים פון זייער זוהן **מאטעק** מיט פרל. **ז. הירשבערג.**
דעם יונגען פאר ווינשען מיר א ים גליק.

יהודית און יעקב פאסקא
יודל ברוסט
מ. און ב. אסס.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פריינד
ה׳ **מאטעק ווארשאווער** צו זיין פערלאבונג מיט פרל. **זאשא הירשבערג.**
די עלטערן — פיעל נחת.

אהרן האראוויטש און פרוי.

א הארציגען מזל טוב און א בליהענדע צוקונפט ווינש איך מיין ברודער **העניעק** צו זיין חתונה מיט פרל. **אוטשא וויינשטאק.** די עלטערן — פיעל נחת.
גלייכצייטיג ווינש איך דעם ה׳ **שמואל וויינשטאק** צו זיין תנאים מיט פרל. **מאניא וויינשטאק.** א הארציגען מזל-טוב,

מארקוס מארקאוויטש, פרוי און רעניושא.

צו דער חתונה פון אונזער קוזין **העניעק מארקאוויטש** מיט פרל. **רעגינא וויינשטאק** ווינשען מיר אונזער הארציגסטען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט. די עלטערן — פיעל נחת.

אברהם ווילהעלם און פרוי.

א הארציגען מזל-טוב ווינשען מיר דעם קאמיטעט-מיטגליד ה׳ **דוד מארקאוויטש** צו דער חתונה פון זיין זוהן **העניעק** מיט פרל. **אוטשא וויינשטאק.**

ועד לבנין בית המדרש.

צו דער חתונה פון ה׳ **זיינוויל בערקאוויטש** מיט פרל. **גוטשא ווארשאווסקא** דעם הארציגסטען מזל-טוב און די עלטערן פיעל נחת

יצחק שמעון ניימאן.

צו דער חתונה פון ה׳ **זיינוויל בערקאוויטש** מיט פרל. **גוטשא ווארשאווסקא** א הארציגען מזל-טוב און די עלטערן פיעל נחת ווינשען

דוד פיליפאוויטש און **פרוי.**

מזל-טוב!
צו דער חתונה פון ה׳ **זיינוויל בערקאוויטש** מיט פרל. **גוטשא ווארשאווסקא** א בליהענדע צוקונפט. די עלטערן פיעל נחת ווינשט

הירשל עפשטיין און פרוי.

ב״ה. הנני מביע בזה ברכת מז״ט חמה ולבבית לאחי יקירי ה״ב הח׳ המופלג מר **אברהם אליעזר** שיחי׳ לרגלי אירושיו ולהחתן מר **ישעי׳ לאנדא** נ״י לרגלי נשואיו.
יהי׳ רעוא שקרן הצלחתם יעלה מעלה מעלה ויאיר מזלם כשמש בצהרים.
צ׳נסטחוב בחודש טבת תרצ״ו. **דוד אלי׳ ראזבאך**

Z intencji zaręczyn kolegi naszego MOŃKA ICKOWICZA z p. ANDZIĄ EZRYNŻANKĄ życzą wiele szczęścia i różowej przyszłości

Abram Granek, Lejb Jakubowicz i Lejzor Meryn.

Panu Prezesowi

Zygmuntowi Stillerowi i Jego **Małżonce**
spowodu zgonu Ich Siostry i Bratowej

b. p. FRANCISZKI LIPSZYC

składa wyrazy serdecznego współczucia

Zarząd Stow. Przemysłowców i Kupców
w Częstochowie.

מען דאַרף עס אַליין פערשטעהן...

פערהאַנען זעהר אַנגעווענהעהטאַגטע פראַגען וועגען וועלכע מען קאָן נישט שרייבען, נאָר מען דאַרף אַליין פער-שטעהן ווי אַזוי בנוגע זיי צו האַנדלען.

זאָל מען נעמען די פראַגע וועגען היטלער-דייטשלאַנד און די אַקציע, וועלכע מיר יודען פיהרען געגען דעם דריטען רייך. אַט זענען אין דעם דאָ-זיגען פּראָבלעם פערהאַנען אַזעלכע פּרטים, וועגען וועלכע מען קאָן נישט שרייבען, נאָר יעדער יוד דאַרף פער-שטעהן פון זיך זעלבסט ווי אַזוי צו האַנדלען...

אַט, למשל, ווייסען מיר צו דערצעה-לען וועגען פאַקטען, ווי אַזוי יודען פיהרען אַ נישט-כשר'ען האַנדעל מיט דייטשלאַנד. נו, מעג מען וועגען דעם שרייבען? אוודאי וואָלט מען געדאַרפט טאַקי יאָ שרייבען, נאָר צוליעב פער-שטענדליכע טעמים טאָר מען דאָס עפענטליך נישט בעהאַנדלען, נאָר מען דאַרף עס אַליין פערשטעהן...

דאָס זעלבע איז מיט די דייטשע פילמען, וועלכע דער קינאָ „סטילאָווי" ברענט דאָ כסדר אָהער. אויך דאָ טאָר מען צוליעב פערשטענדליכע טעמים נישט צו פיעל שרייבען. מען טאָר אויך נישט צו פיעל אַגיטירען, און איברי-גענס — צו-וואָס דאַרף מען דען וועגען דעם אַלעם אַזויפיעל רעדען, צי פער-שטעהט דען דאָס נישט יעדער יוד אַליין?...

די גאַנצע קולטורעלע און דעמאָקראַ-טישע וועלט האָט שוין איהר אויסגע-אַרבייטעטע מיינונג וועגען דעם איצטיגען דייטשלאַנד. אויך די יודען האָבען נאַ-טירליך זייער מיינונג. ליידער אָבער זענען נאָך נישט אַלע יודען רייף אויס-צופיהרען די אויפגאַבע, וואָס די גע-שיכטע האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט. דאַרף מען דען שטעהן אויף דער וואַך און כסדר דערמאַנען די יודען וועגען זייערע פליכטען? די צרה איז נאָך, וואָס מען קאָן נישט ביי די איצטיגע בעדינגונגען צופיעל רעדען וועגען דעם אַלעם. און איבריגענס איז שוין צייט, אַז מען זאָל נישט דאַרפען וועגען אַ פעסטגעשטעלטע און קלאָרע זאַך אַזוי-פיעל רעדען; מען דאַרף עס אַליין פערשטעהן...

ש.

די „קרן-היסוד"-אַקציע אין טשענסטאָכאָוו.

ווי בעוואוסט קומט די טעג פאָר אין אונזער שטאָדט די „קרן-היסוד"-אַקציע.

אַנגעהויבען האָט זיך די אַקציע מיט אַ גרויסער אַקאַדעמיע, וועלכע ס'האָט געעפענט דער היגער רב ר' נהום אַש שליט"א און אויף וועלכער ס'זענען אַרויסגעטרעטען דער דירעקטאָר פון דער הויפּט-צענטראַלע פון „קרן-היסוד" אין ירושלים דער דיכטער לייב יפה און אויך דער שליח פון דער „קרן-היסוד"-צענטראַלע אין וואַרשא ה' גער-באָווסקי, וועלכע האָבען רעפערירט וועגען די אויפגאַבען פון „קרן-היסוד".

אין דער דאָזיגער אַקאַדעמיע האָבען אויך אַנטייל גענומען די היגע בע-וואוסטע זינגער ה' שמידט און ריכטער.

דאַן האָט ה' יפה נאָך אָבגעהאַלטען פערזאַמלונגען מיט אַ רייהע כלל-טהוּ-ער און אַרויסגעטרעטען מיט רעפעראַ-טען אין סוחרים-פעראיין, יודישען גימ-נאַזיום א. א. וו.

פאַר'ן אָבפאָהרען פון ה' יפה איז פאָרגעקומען אַ גרויסער באַנקעט, אויף וועלכען ס'זענען געווען אַנוועזענד אַ רייהע כלל-טהוער און געזעלשאַפטליכע טהוער.

נאָכ'ן אָבפאָהרען פון ה' יפה האָט די „קרן-היסוד"-קאָמיסיע מיט דעם ה' יאָכימאָוויטש אין דער שפּיץ אַנגעהוי-בען די זאַמעל-אַקציע פאַר'ן „קרן-היסוד, וועלכע ווערט געקרוינט מיט ערפאָלג.

די פּאַטענטען-אַקציע פון „גמילת-חסד" בײ דער קהלה.

די גמילת-חסד-קאַסע ביי דער קהלה האָט די לעצטע וואָכען אויסער די נאָר-מאַלע הלואות אויך אַרויסגעבאָרגט די מאַרקשטעהער אויף זאָוואָדזיע ספּעציע-לע הלואות אויפצושטעלען דאָרט בוידען. די בעגרעניצטע פאָנדען, וועלכע די „גמילת-חסד"-קאַסע בעזיצט, זענען נאַ-טירליך נישט גענוג אויף אַזאַ ברייטער הילף און נאָר אַ דאַנק דעם פּרע-זעס פון „גמילת-חסד" אדוו. קאָנאַרסקי, וועלכער באָרגט אויס צום דאָזיגען צוועק זיין פּריוואַט געלד און דאָס אָהן פּראָצענט, איז די קאַסע אימשטאַנד אין אַ געוויסער מאָס, אַרויסצוהעלפען די גרויסע צאָהל פעראָרימטע קליינהענדלער און מאַרקשטעהער מיט אָהנפּראָצענטיגע הלואות. ביים היינטיגען טאָג, למשל, געפינט זיך צווישען די אַרויסגעבאָרגטע סומעס אַנ'ערך 15.000 זל. פון אדוו. קאָנאַרסקי'ס אייגענע געלד.

דער „גמילת-חסד"-קאָמיטעט, ווי בע-וואוסט, העלפט אויך אַרויס זייט עטלי-כע יאָהר מעהרערע הענדלער און האַנדווערקער מיט'ן אויסבאָרגען געלד ספּעציעל אויף פּאַטענטען. נישט-קוקענ-דיג דערויף, ווי שוין דערמאָנט, וואָס אַלע פאָנדען פון דער קאַסע זענען היינט צו-טאָג אויסגעשעפּט, האָט אויך דער קאָמיטעט נישט געוואָלט היי-יאָהר אָב-שטעהן פון דער פּאַטענטען-אַקציע. ס'איז דעריבער בעשלאָסען געוואָרען צו ווענ-דען זיך צו די חיגע יודישע קאָאָפּעראַ-טיווע בענק: פון אַלעף 7 און נייער מאַרק 4, אַז זיי זאָלען צו דעם צוועק אויסבאָרגען דעם קאָמיטעט די ערשטע— 3000 זל. און די צווייטע — 2000 זל. אויף עטליכע חדשים אָהן פּראָצענט. ליידער אָבער האָט די באַנק פון אַלעף 7 זיך אָבגעזאָגט אויסצובאָרגען דער גמילת-חסד-קאַסע וועלכע ס'איז סומע, דאַגעגען דאַרף מיט צופרידענהייט בע-צייכענט ווערען, אַז די באַנק פון נייעם מאַרק 4 האָט די 2000 זלאָטעס יאָ אויס-געבאָרגט. די רעשט סומע — אַנ'ערך 3.000 זל., האָט ווידער אַמאָל אויסגע-באָרגט פון זיין אייגען געלד דער פּרע-זעס אדוו. קאָנאַרסקי.

ברית-החיל-קאָנפערענץ אין קאַ-טאָוויץ.

זונטאַג, דעם 5 ד. ח. איז פאָרגעקו-מען אין קאַטאָוויץ אַ בעריכטס-קאָנפע-רענץ פון 4 גלילים: ביעלסק, קראָקא, סאָסנאָוויץ און קאַטאָוויץ. די אויפגאַבע פון דער קאָנפערענץ איז געווען אויסצואַרבייטען אַ גענויען פּלאַן פאַר דער לאַנדעס-קאָנפערענץ פון פּוילישען ברית-החיל, וועלכע וועט פאָרקומען היינטיגעס יאָהר.

אין דער קאָנפערענץ האָבען אויך אַנטייל גענומען די מיטגלידער פון היגען סניף: מפקד מ קראָקאָוויאַק און חבר ש. יאָזשאָמבעק.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט קומט פאָר שבת, דעם 10.1 פונקטליך 3 אַ זייגער אַ בעריכטס-פערזאַמלונג פאַר דעם היגען סניף פון ברית החיל.

פון דער יודענשטאָאַטס-פּאַרטיי אין טשענסטאָכאָוו.

היינט, פרייטאג פונקט. 8 אָוועגד קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל אַלעע 8 אַ רעפעראַט פון ה' א. איצקאָוויטש א. ד. ט.: „די פּאָליטישע לאַגע אין ציוניזום ביי די יעצטיגע אומשטענדען" (המשך).

פון בר"ק

שבת, דעם 11-טען יאַנואַר פונקט. 3.30 נאכמ. קומט פאָר אַ אַסיפת הקן מיט'ן אַנטייל פון ה' מ. רוזיעוויטש.

דיכטער לייב יפה אין דער שטאָדט-שוהל.

בעת'ן ווייל'ען לעצטענס אין טשענ-סטאָכאָוו, האָט דיכטער לייב יפה, צווי-שען אַנדערע, אויך בעזוכט די אָרטיגע שטאָדט-שוהל אין דער געזעלשאַפט פון שעפער פון יודישען רענעסאַנס פּראָפ. פּרץ ווילענבערג, וועלכער האָט מיט איינינע יאָהר צוריק די דאָזיגע שוהל קינסטלעריש אויסגעמאָלען.

דיכטער יפה איז באַלד ביים אריינ-קומען פון ערשטען בליק געוואָרען ענטציקט און מיט בעגייסטערונג זיך אויסגעדריקט וועגען דער פּראַכטפולער אויספיהרונג פון דער גרויסער קאָמפּאָ-זיציע און געשאַפענער קונסטווערק אין יודישען סטיל און בעמערקט מיט בע-דויערן, אַז ארץ-ישראל בעזיצט נאָך נישט ביז'ן היינטיגען טאָג קיין עהנלי-כע יודישע שאַפונגען.

דיכטער יפה האָט דעריבער געדאַנקט דעם פּראָפ. ווילענבערג און אויסגע-דריקט זיין צופרידענהייט, וואָס ער האָט געהאַט די געלעגענהייט צו זעהן אַזאַ וואונדערבאַרע ווערק געשאַפען אין גלות.

אַ פערזאַמלונג וועגען דער הילפס-קאַסע פאַר מאַרקשטעהער.

מיט אַ צייט צוריק האָבען די מאַרק-שטעהער אויף זאָוואָדזיע געשאַפען אַנ'-אייגענע הילפס-קאַסע, וועלכע האָט לויט די פון פריהער אַנגענומענע בעשלוסען געדאַרפט זיין אַ פולשטענדיגע אונפּאַר-טייאישע און זעלבסטשטענדיגע אינסטי-טוציע, נישט אַנשליסענדיג זיך אין קיין איינער פון די עקזיסטירענדע קליינ-הענדלער-אָרגאַניזאַציעס.

לעצטענס אָבער האָבען עטליכע פּער-זאָן געוואָלט אויסנוצען די דאָזיגע אינ-סטיטוציע צו פּאַרטייאישע צוועקען און מיט כח געפּרובט צו פערבינדען די הילפס-קאַסע מיט דעם פּאָליטיקאַנישען קליינהענדלער-פערבאַנד.

דאָס האָבען נישט דערלאָזט די איב-ריגע מיטגלידער, וועלכע זענען באמת אויסען די טובה פון דער הילפס-קאַסע און ווילען זי נישט לאָזען פערוואַנדלען אין קיין פּאַרטייאיש קרעמעל. צו דעם צוועק קומט אויך פאָר מאָרגען שבת-צו-נאַכטס, 7 אַ זייגער, אַ ספּעציעלע פערזאַמלונג אין האַנדווערקער-לאָקאַל, אויף וועלכער דער דאָזיגער אַזוי-וויכ-טיגער ענין פאַר די מאַרקשטעהער וועט גענוי אויפגעקלערט ווערען.

„מענדעלעך"-פייערונגען...

קליינער פעליעטאָן.

רעוויגנאַציע פון ראַטמאַן מ. נייפעלד

ווי מ'טיילט מיט האָט דער כלל-טהוער ראַטמאַן מאָוריצי נייפעלד, צוליעב זיין שוואַכען געזונד-צושטאַנד, רעזיג-נירט פון מאַנדאַט אלס מיטגליד פון שטאָדט ראַט.

מילא, איך זעה דאָך שוין, אַז מיט אַ מענדעלע-פייערונג ביי אונז אין שטאָדט האַלט שמאָל, ווארום אַט איז שוין דער 10-טער סטיפּשען און דער טערמין פון פייערן איז נאָר ביז דעם 20-טען ד. ח., און היות ווי ביז איצט איז נאָך נישט אָפּישירט קיין איין מענ-דעלע-פייערונג, קאָן מען זיכער זיין, אַז אַזאַ יום-טוב וועט שוין ביי אונז נישט איינגעאָרדענט ווערען.

כאָטש צווישען אונז זאָל עס בליי-בען, האָב איך געקאָנט מיינען, אַז נאָכדעם ווי עס איז אַזוי הויך פּראָקלאָ-מירט געוואָרען די שאַפונג פון אַ „צענ-טראַלען קולטור-פערבאַנד" אין אונזער שטאָדט, וועט זיין ערשטע אויפגאַבע זיין איינצואָרדנען אַ גראַנדיעזע פייע-רונג לכבוד דעם זיידען פון דער שע-נער יודישער ליטעראַטור, פאַר דעם אַפּאָסטאָל פון אונזער מאָדערנעם יו-דיש-לשון. הפנים אָבער, אַז איך האָב אַ טעות געהאָט: די אָנפיהרער פון דאָזיגען געשאַפענעם קולטור-פערבאַנד זענען, ווי ס'ווייזט אויס, פערנומען מיט... געבען אונטערוויאוען און האָ-בען נישט קיין צייט איינצואָרדנען אַ מענדעלע-פייערונג.

אויך הערט מען עפּיס נישט, אַז די [illegible]

למשל, די „קולטור-ליגע", די „אַלגע-מיינע אַרבייטער-ביבליאָטעק" (וועגען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס איז שוין אָבגערעדט — ביי זיי איז דאָך מענדע-לע נישט קיין יום טוב), אַז זיי זאָלען עפּיס וועגען דעם אַ טראַכט טהון, כאָטש צוריק געשמועסט, קאָן מען נישט זיין אויף גאַנצע הונדערט פּראָ-צענט זיכער, צי זיי האָבען טאַקע נישט געטראַכט. ס'קאָן זיין, אַז גע-טראַכט וועגען דעם האָבען זיי יאָ; וואָס קומט אָבער אַרויס, אַז פון בלוי-זען טראַכטען ווערט גאָרנישט געבוי-רען. קורץ, ווי עס ווייזט זיך אַרויס ביז איצט, קאָנען מיר זיין מעהר ווי זיכער, אַז דעם געניאַלסטען דיכטער פון אונזער ליטעראַטור — שלום יעקב אַבראַמאָוויטש המכונה מענדעלע מוכר-ספרים וועט דאָס יודישע טשענסטאָכאָוו קיין פייערונג צו זיין 100-יעהריגען גע-בורטס-טאָג נישט מאַכען.

לכן, רבותי, האָב איך אַ פּלאַן, אַז אויב מיר ווילען נישט פייערן יענעם גרויסען מענדעלע, טאָ זאָל מען כאָטש איינאָרדנען אַ יום-טוב פאַר אונזערע היימישע, טשענסטאָכאָווער „מענדעלעך", וועלכע זענען אָהן עין הרע ביי אונז אין אַ גרעסערע צאָהל, און זיי האָבען [illegible]

אונזער טשענסטאָכאָוו, אויב נישט אויפ'ן געביעט פון ליטעראַטור, איז כאָטש אויפ'ן פעלד פון געזעלשאַפטלי-כער אַרבייט.

אַט שטעל איך זיי אייך פאָר:

ר' מ ע נ ד ע ל צפור — דער זייל פון אַ גרויסער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט מצוות ומעשים טובים אין איהר קראָם און דערביי האָט זי אַ מאָנאָפּאָל אויף דער תורה כולה. און אַט אונזער ר' מענדעל איז דער ראש פון דער דאָ-זיגער אָרגאַניזאַציע.

מ ע נ ד ע ל ע אַדוואָקאַט — אַ ניש-קשה'דיג מענשיל, וועלכער האָט זיך לעצטענס ערוואָרבען אַ נאָמען אויפ'ן גמילת-חסד-פראָנט. און כאָטש ער וויל נישט מפורסם ווערען, ער איז אַזוי אַזוי צו זאָגען אַ נחבא אל הכלים, פונ-דעסטוועגען ווערט זיין נאָמען אַלץ מעהר פּאָפּולער צווישען די ברייטע פאָלקס-מאַסען צוליעב זיינע מעשים טובים.

מ ע נ ד ע ל הר-כסף—וועגען איהם קאָן איך אפילו נישט קיין סך פערצייכענען באשר בכן זיין גאַנצע טעטיגקייט סיי אין דער פריעריגער קהלה-קאַדענץ, וואו ער איז געווען דאָס אויבערשטע פון שטיי-סעל און סיי ביי דער איצטיגער קהלה-קאַדענץ, איז ער שטענדיג געווען אין דער אָפּאָזיציע, תמיד נישט צופרידען פון דער לייטונג און געפאָדערט סאַנק-ציעס. איינס צום אַנדערן קומט אָבער נישט, צווישען אונזערע מענדעלעך קאָן מען איהם יאָ פערעכענען.

מ ע נ ד ע ל לובאָוויטשער — היינט מענדיל פילצער איז אפילו אַ פנים חדשות אין אונזער געזעלשאַפטליך לע-בען. ער זיצט אין דער קהלה מיט אַ ירגזון, באשר בכן מען האָט דאָרט נישט בעשטעטיגט זיינס קיין מורה-הוראה. דער דאָזיגער מענדעלע לובאָ-וויטשער איז דעריבער אין דער אָפּאָ-זיציע, וואו ער אַרבייט עהרליך, פער-לאָזט נישט קיין איין זיצונג פון קהלה-ראַט אויף אַלעם, וואָס די פער-וואַלטונג זאָגט: „יאָ, זאָגט ער שטענ-דיג, ווי מעשה-אָפּאָזיציאָנער: „ניין".

ר' מ ע נ ד ע ל הכנסת אורחים'ניק. געווען אַמאָל אַ כלל-טהוער פון ברייי-טען שניט, זיין גאַנץ פערמעגען האָט ער געפּטר'ט צוליעב זיין געזעלשאַפט-ליכער אַרבייט, און נאָך היינט, בעת מען דאַרף ראַטעווען אַ יוד פון אונ-טערגאַנג, לויפט ער און טהוט וואָס ער קען. אויך דער דאָזיגער ר' מענדעל געהער צו דער גאַלעריע פון אונזערע היימישע מענדעלעך.

פערהאַן ביי אונז נאָך אפילו אַ ביי-סעל טייערע מענדעלעך, וועלכע מען וואָלט געקאָנט אַריינגעמען אין דער חברותא, וואָס מיר ווילען ביי אַנ'אַנ-דערע געלעגענהייט טאַקי טהון. אויף היינט אָבער וועט מען זיך בעגנוגענען מיט די אויבענדערמאַנטע מענדעלעך, וועלכע מען קאָן פאַר זייער געזעל-שאַפטליכע אַרבייט מאַכען אַ פ יי ע-רונג.

וואָרט נאָר צו, ס'איז מיר איינגע-פאַלען אַ מחשבה, אַז אויב מיין פּראָ-יעקט וועט אַנגענומען ווערען, האָב איך אַ פּלאַן, אַז דער רעפערענט קאָן אין זיין רעדע וועגען אַט די אויבענ-דערמאַנטע היימישע מענדעלעך, פער-בינדען זיי מיט די ווערק פון יענעם גרויסען מענדעלע מוכר ספרים, פער-גלייכען זיי צו די הויפּט-העלדען פון מענדעלעס ווערק, ווי, למשל: די „קליאַטשע", „פישקע דער קרעמער", „שלמה ר' חיים'ס". „ר' טרייטעל בעל-טאַקסע", „דאָס קליינע מענשעלע" א. ד. גל.

וועגען די פערגלייכונגען ד. ה. וועמען פון אונזערע מענדעלעך מען זאָל פערגלייכען צום קליינעם מענשע-לע און וועמען צו פישקע דעם קרי-מען א. א. וו. — דאָס וויל איך יעצט נישט אָנווייזען. דער עיקר איז, אַז אויב ס'איז נישט בעשערט דעם יודי-שען טשענסטאָכאָוו איינצואָרדנען אַ פייערונג לכבוד דעם גרויסען מענדע-לע, אַזוי ווי דאָס טהוט די גאַנצע יודישע קולטורעלע וועלט, טאָ זאָלען מיר טשענסטאָכאָווער יודען מאַכען אַ פייערונג פאַר אונזערע היימישע מענ-דעלעך... ס'מאַכט נישט, זיי זענען עס ווערט און פערדינען זיך, אַז אויב נישט אַ מענדעלע, זאָלען זיין מענדעלעך-פייערונגען.

סמאָל.

Światło elektryczne nie jest drogie!

Osramówki-D o palniku z dwuskrętnego drutu gazowane, wydzielają, w stosunku do zużywanego prądu zależnie od typu, do 20% więcej światła, niż żarówki dotychczasowe. Ta nadwyżka światła nic więcej nie kosztuje. Kupujcie przeto i stosujcie wszędzie Osramówki-D cechowane gwarancją wydajności światła w dekalumenach i poboru prądu w watach. Niema lepszych żarówek niż

OSRAMÓWKI-D

wyrobu polskiego

Szkoła koedukacyjna i przedszkole im. Zofji Wajnsztokówny

Aleja 20. Telef. 10-78.

Egzaminy dla nowowstępujących do wszystkich klas systemem lekcyjnym od 10 b. m. Do przedszkola przyjmuje się dzieci od lat 3-ch

מענדעלע מוכר ספרים.

(צום 100-טען געבורטס-טאָג)

דערצעהלט בקיצור פון זיידען'ס אייניקעל.

(ענדע.)

— ג —

ערשט איצט הויבט זיך אָן זיין פרוכטבאַרע ליטעראַרישע טעטיגקייט, זיין דיכטעריש שאַפען וואס האט איהם אין משך פון יאהרען בעריהמט געמאַכט אלס אונפערגלייכליכען שילדערער פון יודישען לעבען, אלס דעם גרעסטען יודישען וואָרט-קינסטלער, אָלס בעשעפער פון דער יודישער ליטעראַטור, אָלס איינעם פון די אָריגינעלסטע דיכטער אין דער וועלט-ליטעראַטור איבערהויפט.

פון אָנהויב שרייבט ער בלויז העברעאיש, ווי דאס רוב יודישע שריפטשטעלער פון דער השכלה צייט. ער פערעפענטליכט נאָך דער רייה: אין יאהר 1859 זיין „משפט שלום“, א קליינע זאַמלונג קריטישע און נעזעלשאַפטליכע ארטיקלען און שירים, דאַן ערשיינט זיין „למדו היטב“ (1862) איינציגע קאַפּיטלען פון א גרעסערער דערצעהלונג, וועלכע ער גיט ארויס מיט א פאָר יאהר שפעטער פולשטענדיג אונטער'ן נאמען „האבות והבנים“ (1868). אין דעמזעלביגען יאהר 1862 ערשיינט דער ערשטער באַנד פון זיין בעוואוסטען ווערק „תולדות הטבע“ א נאַטורגעשיכטע אין פינף בענדער צום טייל איבערגעזעצט, צום טייל זעלבשטענדיג בעארבייט. דאס דאָזיגע ווערק האט אין יענער צייט געהאט א גרויסען ערפאָלג.

אין די אלע ווערק זעהט מען נאָך אבסאָלוט נישט קיין שפור פון קיין אָריגינעלען איינפאַל און פון קיין דיכטערישען טאלאנט, מען דערקענט נאָך אויך נישט דעם קומענדיגען גרויסען העברעאישען סטיליסט, דעם בעשעפער פון א נייעם קראַפטפולען העברעאישען נוסח, דורך וועלכען ער האט בעפרוכפערט, בעדייכערט און בעלעבט די נייע-העברעאישע ליטעראַטור.

ערשט ווען אַבראַמאָוויטש האט זיך אַראָבגעלאָזט פון הויכען באַרג אין טיפען טאָל אריין“ צום פאָלק, אין דער געשטאַלט פון מענדעלע מוכר ספרים, און האט גענומען רעדען אויף דער שפּראַך, וועלכע דאס פאָלק פערשטעהט, —ערשט דעמאלט האבען זיך ענטפלעקט אין איהם זיינע גרויסע שעפערישע כוחות, זיין אונפערגלייכליכע וואָרט-קונסט און געשטאַלטונגס קראַפט, זיין זשעני אלס דיכטער און שילדערער פון יודישען לעבען, וועלכער האט געשענקט דעם יודישען פאָלק א רייה מייסטער-ווערק פון א שטענדיגען ווערט.

דערביוטירט האט ער אין דער יודישער ליטעראַטור—און גלייך פון אָנהויב אונטער'ן פסעוודאָנים מענדעלע מו"ס— מיט זיין דערצעהלונג, „דאס קליינע מענטשעלע“ וועלכע איז געדרוקט געווען אין צעדערבוים'ס „קול מבשר“ (אדעס 1864). די דאָזיגע „לעבענסבעשרייבונג פון אברהם יצחק תקיף“ האט געהאַט א גרויסען ערפאָלג און גלייך צוגעצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון די ברייטע לייענער-קרייזען אויפ'ן טאלאַנט און די שפּראַכליכע קונסט פון פערפאַסער.

עס קומען דאַן זיינע צוויי סאַטירישע מייסטערווערק: „דאס ווינשפינגערל“ (1865) און „פישקע דער קרומער“ (1869), א מעשה פון יודישע אָרימע לייט און בעטלער. מיט דעם לעבען פון די דאָזיגע קבצנים און כל המינים שנאָרער האט ער זיך גרינדליך בעקענט בעת זיין אַרומוואַנדערען מיט אברהמ'ל דעם הינקענדיגען, ביידע ווערק זענען ערשט נאָכדעם נאָך דער גרינדליכער איבעראַרבייטונג אין די שפּעטערדיגע יאהרען, געוואָרען דאס וואס זיי זענען היינט—קלאַסישע ווערק פון דער יודישער ליטעראַטור.

באַלד נאָך „פישקע דעם קרומען“ אין דעם זעלביגען יאהר, איז ער ארויס מיט זיין דראַמע „די טאַקסע אָדער די באַנדע שטאָדט-בעלי-טובות“, וואס האט אָבער ארויסגערופען דעם צאָרן פון די בערדיטשעווער קהלה-לייט—און ער האט געמוזט אַוועק פון בערדיטשעוו. ער האט זיך איבערגעקליבען מיט זיין פאַמיליע קיין זשיטאָמיר.

דאָ שרייבט ער אָן זיין בעוואוסטע אַלעגאָריע אויף כנסת ישראל „די קליאַטשע“ (1873). עס ערשיינט דאַן זיין אַלעגאָרישע פּאָעמע „דאס יודעל“ און די יודישע איבערזעצונג פון שבת-דיגע זמירות און פון „פרק שירה“ און ערשט מיט א פאָר יאהר שפעטער אין 1878, קומט ער ווידער ארויס מיט א גרויס סאַטיריש מייסטערווערק—„קיצור מסעות בנימין השלישי“.

אין יאהר 1881 פאָהרט ער ארויס פון זשיטאָמיר קיין אָדעס, וואו ער נעהמט איבער די שטעל פון א משגיח אין דער דאָרטיגער תלמוד תורה.

דאָ קעהרט ער זיך ווידער אום צוריק צו העבראַאיש, צו א נייעם זשאַנר, און שאַפט א נייעם סטיל, ערשט אין יאהר 1899 קומט ער ארויס מיט זיין דראַמע „דער פריזיוו“. זיין לעצט גרויס יודיש ווערק איז דער טרעפליכער אויטאָביאָגראַפישער ראָמאַן „שלמה ר' חיים'ס“ (1899).

אין דערזעלביגער צייט האט ער איבערגעזעצט אָדער ריכטיגער איבערגעשאַפען זיינע בעסטע יודישע ווערק אויף העבראַאיש: „פישקע“ (ספר הקבצנים), „ווינשפינגערל“ (בעמק הבכא), „די קליאַטשע“ (סוסתי), און האט אָנגעשריבען א גאַנצע רייהע אָריגינעלע ווערק, וועלכע האבען געהאט א גרויסע בעדייטונג פאַר'ן אויפבליה פון דער נייע-העבראַאישער ליטעראַטור.

— ד. —

אין 1910 האט די יודישע וועלט געפייערט ר' מענדעלעס 75-יעהריגען יובילעאום, יודען פון אלע קלאַסען און שיכטען, הונדערטער יודישע אָרגאַניזאַציעס און קולטור אינסטיטוציעס פון פערשידענע לענדער האבען זיך בעטייליגט אין דעם יום טוב, און טויזענדער טעלעגראַמעס פון אלע עקען וועלט האבען יודען אין דעם טאג בעגריסט און געבענטשט דעם זיידען פון דער יודישער ליטעראַטור, דעם גרעסטען יודישען שריפטשטעלער, דעם דיכטער פון דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער נויט פון יודישען פאָלק דעם קעמפער פאַר יודישע רעכט.

כ"ג כסלו תרע"ח (8 דעצעמבער 1917 אַלזאָ אין רעכטען מיטען קריג האט דער זיידע זיך אָבגעטהון פון אונז, ער האט אויסגעהויכט זיין גרויסע און שעהנע נשמה אין אָדעסער יודישען שפּיטאָל.

ר' מענדעלעס גוף איז איבערגעגעבען געוואָרען דער ערד אין אָדעס. אָבער זיין גייסט לעבט און וועט שטענדיג לעבען אין זיינע ווערק אַזוי לאַנג ווי יודען וועלען רעדען יודיש און שאַפען אין דער יודישער שפּראַך.

פאַרבעריי און כעמישע וועשעריי

„BENETA“

ב. יאַסעלעוויטשאַ 11

(געגענאיבער דעם געוועלב פון דער קאַפּעלושאַרניע)

אונטער דער לייטונג פון אַן'אַבסאָלווענט פון דער כעמישער אינדוסטריע-שולע אין וואַרשא מיט לאַנג-יעהריגער פּראַקטיק

ספּעציאַליטעט:

1) פאַרבען לויט מוסטערן,

2) דעקאַטירען (ארויסנעמען פלעקען אָהן וואַשען אויפ'ן אָרט),

3) כעמיש רייניגען און פּאַסאַגירען קאַפּעלושן,

4) וואַשען שטייפע מענער-וועש מיט אַ דויערהאַפטען שפּיגעל-גלאַנץ.

די פּרייזען בעדייטענד ערנידריגט.

דאָס האנדווערקער-לעבען.

(פון אַן'אינטערוויאו).

מיט א פאָר וואָכען צוריק האבען מיר איבערגעגעבען וועגען דער סאַנאַציע, וואס איז איינגעפיהרט געוואָרען אין דער היגער האַנדווערקער-אָרגאַניזאַציע. זענען מיר יעצט געווען נייגעריג צו וויסען, ווי אַזוי דאס האט זיך איינגעגעבען און ווי אַזוי עס זעהען אויס די רעזולטאַטען פון דער דאזיגער סאַנאַציע.

מיר האבען זיך דעריבער געוואָנדען צום אַזוי-גערופענעם „דיקטאַטאָר“ ה' דאניאל דזיאַלאָוויטש, וועלכער האט איבערגענומען די פיהרונג אין האַנדווערקער-פערבאַנד.

ה' דזיאַלאָוויטש האט אונז ערקלערט פאָלגענדעס:

פון ליפּיעץ פ. י. איז איהם מצד דער פּערוואַלטונג אָנפערטרויט געוואָרען די לייטונג איבער דער אָרגאַניזאַציאָנעלער ארבייט. קודם כל האט ער געמוזט בעזייטיגען דעם כאַאָס, וואס האט דאָרט געהערשט און איינפיהרען א שטרענגע דיסציפּלין. די האַנדווערקער-מאַסען — ערקלערט ווייטער ה' ד. — זענען א דאַנקבאַרער עלעמענט, זיי זענען אויפּגעצויגען געוואָרען אין א שולע, וואו אָרדנונג און דיסציפּלין איז דער ערשטער געבאָט און נאָר צוליעב פּערנאַכלעסיגונג האט זיך אויך אין דער אָרגאַניזאַציע געפיהלט צופיעל פרייהייט, וואס האט געבראַכט שאַדען דער בעוועגונג. נאָך א געוויסער אָנשטרענגונג אָבער האט זיך דאס איינגעגעבען. איצט מוז מען מיט צופרידענהייט פּעסטשטעלען, אַז די דיסציפּלין פיהלט זיך אויף יעדען שריט און טריט, וואס איז נאָר א טובה פאַר די האַנדווערקער-מיטגלידער.

— צי שטערט עמיצער אייך אין דער ארבייט?

— ניין — איז געווען דער ענטפער — פערקעהרט, לכתחילה האט זיך נאָך עמיצער געבונטעוועט, זיך גע-וואונדערט, וואס עפּיס אין מיטען דערינען האט מען אָבגעשטעלט די „פרייהייטען“, נאָר באַלד האט יענער איינגעזעהן. אַז דאס איז פאַר זיין טובה וועגען און אלע ווי איין מאַן האבען זיך צוגעפּאַסט צו דער נייער אָרדנונג, אָנערקענענדיג, אַז די דיסציפּלין קען נאָר ברענגען א טובה פאַר די האַנדווערקער-מאַסען.

— וואס הערט זיך מיט די פינאַנסען? — האָב איך דיסקרעט א פרעג געטהון, וויסענדיג אַז דאס איז די אָנגעוועהטאַגסטע פראַגע ביי די האַנדווערקער.

— אין א געוויסער מאָס—ענטפערט ה' דזיאַלאָוויטש—איז דאס אויך געלונגען. אמת, עס לאָזט זיך נאָך א סך ווינשען, אָבער מען האָפט, אַז אין דער קורצסטער צייט וועט אויך דאס ערלעדיגט ווערען אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט.

אין אָנהויב יאהר—ערקלערט ווייטער ה' ד.—קומען פאַר די אַלגעמיינע פערזאַמלונגען פון די צעכען, און דאמאלס נוצט מען אויס די געלעגענהייט איינצומאהנען די פערלעגענע חובות ביי די מיטגלידער, וועלכע ווילען אנטייל נעמען אין די אַלגעמיינע פערזאַמלונגען.

צווישען די צאָהלער זענען פערהאַנען עטליכע קאַטעגאָריעס, וואס טיילען זיך אויף פאָלגענדען אופן: 1) אַזעלכע, וועלכע שפּאָרען זיך אָב פון מויל און בעצאָהלען דעם חודש-בייטראַג, 2) אַזעלכע, וואס וואָלטען געצאָהלט, נאָר פערנאַכלעסיגען זייערע פליכטען און 3) אַזעלכע, וואס קאָנען, נאָר ווילען נישט צאָהלען. צום גליק זענען די לעצטע אין א זעהר קליינער צאָהל.

דערביי מוז ווערען אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז פאַר די מיטגלידער, וועלכע זענען פאַקטיש אָרעם, ווערען געמאַכט אויסנאַהמען.

אין ווייטערדיגען געשפּרעך מיט'ן ה' דזיאַלאָוויטש האָב איך ארויסגעטראָגען דעם איינדרוק, אַז א דאַנק דעם לעצטען איז דער האַנדווערקער-פערבאַנד געוואָרען א מוסטער-אָרגאַניזאַציע. די קאַנצעלאַריע ארבייט ערשטקלאַסיג, אלע ענינים ווערען שנעל און געוויסענהאַפט ערלעדיגט. דאַן ווערט אויך די אָנגעוועהטאָגטע פראַגע פון מיטגלידס-אָבצאָהל איינציג-ווייז ערלעדיגט. עס דאַרף נאָר זיין די אויפגאַבע, דער הייליגער חוב פון אלע מיטגלידער, וועלכע דאַרפען אָבשאַצען די אָפּפערווילליגקייט פון מענשען, וואס זענען אויסען נאָר די טובה פון כלל און אין דעם פאַל פון די האַנדווערקער-מאַסען, און אָט די דאָזיגע האַנדווערקער וועלען זיך אָנשטרענגען, כדי צו דערהאַלטען זייער וויכטיגע פּערצווייגטע האַנדווערקער-אָרגאַניזאַציע.

וואָס געהערט, וואָס געזעהן.

אַזעלכעס קען טרעפען איינמאל אין א יובל.

יענע וואָך האט פּאַסירט פאָלגענדער פאַל.

אין דער אַלעע איז געשטאַנען א יודישע פרוי און פערקויפט באַלאָנען. זענען אַדורך 2 כוליגאַנעס און האבען צוריסען די באַלאָנען אויף פּיץ-פּיצלעך. אויף די געוואַלדען פון די בעפאַלענע פרוי זענען זיך צונויפגעלאָפען מענשען, וועלכע האבען זיך צוגעקוקט צום ספּעקטאַקל, און ווי געוועהנליך האבען די אנוועזענדע יודען דערפון געהאַט גרויס עגמת נפש. באַלד האט אָבער פּאַסירט עפּיס אינטערעסאַנטעס: אַן'אַדורכגעהענדיגער קריסט, צוזעהענדיג די דאָזיגע סצענע, איז אַריינגעפאַלען אין גרויס גרימצאָרן און האט אָנגעהויבען זידלען די כוליגאַנעס און איינעם פון זיי פּצרהאַלטען. לכתחילה האבען די כוליגאַנעס געמיינט, אַז דאס איז שפּאַס, נאָר שפעטער זעהענדיג, אַז ער מיינט עס ערנסט, האבען זיי אָנגעהויבען זיך צו „פערטיידיגען“, אַז זיי האבען דאָך קיינעם קיין שלעכטעס נישט געטהון, זיי האבען נאָר ביי א זשידובקע צוריסען אַביסעל באַלאָנען און זיי ווייסען נישט פאָר וואס מען דאַרף זיך איבער זיי בייזערן.

דאס כאַראַקטעריסטישע דערביי איז נאָר דאס, וואס די אנוועזענדע קריסטען, זעהענדיג ווי א קריסט נעמט זיך אָן פאַר דער בעפאַלענער און ער זידעלט די כוליגאַנעס, זענען געווען זיכער, אַז די אָנפאַלער זענען יודען און איינער פון די אנוועזענדע האט זיך זאָגאַר אויסגעדריקט, אַז ס'זענען שוין שענע צייטען געקומען, אויב יודען אַוואַנטורירען זיך און פאַלען אָן אויף מענשען אין גאַס. זיי האט נישט געקאָנט איינפאַלען, אַז ווען קריסטען בעפאַלען א יודען, זאָל זיך א קריסט אָננעמען פאַר דעם יודען.

דער ערליכער קריסט האט אָבער נישט געקוקט אויף קיין שום זאַך און האט זיך נישט פריהער בערוהיגט, ביז ס'איז אָנגעקומען פּאָליציי, וועלכע האט די כוליגאַנעס אַרעסטירט.

איך האָב דערצעהלט די דאָזיגע קליינע פּאַסירונג, וואס איז היינטיגע צייטען א זעלטענהייט און טרעפט איינמאל אין א יובל.

נאָך נישט אַלץ איז פערדאָרבען.

יענע וואָך איז געשטאָרבען ביי אונז א יוד, ר' חיים ר., וואס האט ארויסגערופען גרויס טרויער ביי אַלעמען, וועלכע האבען איהם געקאַנט, ווייל דער פערשטאָרבענער איז געווען זעהר אַן'אָרענטליכער און פיינער מענש.

ביים פערשטאָרבענעם. וועלכער איז געווען א טוישער, האט מען געפונען א ביכעל, אין וועלכען ס'זענען געווען פערשריבען די חובות, וועלכע מענשען קומען איהם און אויך די חובות, וועלכע ער קומט. צווישען אנדערע איז אויך געווען פערשריבען, אַז א געוויסען יוד קומט אַזאַ און אַזאַ סומע. דערווייל איז דער זעלבער א. ע. געקומען צו לויפען און דערצעהלט, אַז נישט בלויז, וואס איהם קומט פון דעם פערשטאָרבענעם א חוב, נאָר ער קומט נאָך דעם פערשטאָרבענעם א חוב, ווייל די לעצטע טעג האט יענער איהם אָבגעגעבען דעם אַלטען חוב און איהם נאָך צוגעבאָרגט א שעהנע פאָר גילדען.

אויך דאס דאָזיגע איז ווערט צו בעצייכענען, כדי צו בעווייזען, אַז ס'טרעפען זיך נאָך אין די היינטיגע רויבערישע צייטען מענשען, וועלכע זענען ערליך.

ווי איהר זעהט זענען נאָך היינט אויך דאָ אויסנאַהמען, נאָך נישט אַלץ איז פערדאָרבען.

ער האט זיך ארויסגעדרעהט פון דער גערעכטיגקייט...

א סך מאל טרעפט, אַז מענשען בעגעהן א פערברעכען און מיידען אויס די האַנד פון דער שטראָף. אמת, זיי פאַלען סוף כל סוף אַריין, אַזוי ווי דער פסוק זאָגט: סוף גנב לתלויה, דערווייל אָבער געהט עס זיי אָב אונבעשטראָפט.

אָט אַזאַ פערברעכער האט זיך אויך די וואָך ארויסגעדרעהט פון א שטראָף.

דאס איז געווען א בייגעל-הענדלער. אַזוי ווי מיט זיין האַנדלען זינדיגט ער געגען דער „וועלט-אָרדנונג“, איז געקומען דער ממונה על האָרדנונג און האט איהם געוואָלט פּאַקען,—למען ידעו האט זיך אָבער דער „פערברעכער“ בעצייטענס דערוואוסט דערפון און האט געמאַכט עוקר. און שטעלט אייך פאָר, אַז מעהר ווי א שעה האט געדויערט דאס געיעג נאָכ'ן פערברעכער און עס איז נישט געלונגען איהם צו פּאַקען.

דער בייגעלהענדלער - פערברעכער וועט סוף כל סוף אריינפאַלען, דערווייל אָבער האט ער זיך ארויסגעדרעהט פון דער גערעכטיגקייט...

עס הויבט זיך אָן די פּאַקטישע אַרבייט.

דער ערשטער סטאַדיום פון דער „קרן-היסוד“-ארבייט איז שוין געענדיגט, מען האט שוין אָבגעאַקאַדעמיעוועט, אָבגעבאַנקעטעוועט און אָבגעדרשנ'ט. איצט הויבט זיך ערשט אָן די אמת'ע פּראַקטישע אַרבייט — מען הויבט אָן צו מאַכען די זאַמלונגען פאַר'ן „קרן-היסוד“.

אויף דער אקאַדעמיע, באַנקעט, פערזאַמלונגען איז זיך צונויפגעקומען א גרויסער עולם מענשען. געלד זאַמלען אָבער וועט מען ביי א סך ווייניגער מענשען. די „קרן-היסוד“-עסקנים וואָלטען אפילו געוואָלט עס זאָל זיין פערקעהרט: קומען הערען דרשנ'ען זאָלען ווייניגער און געבען געלד זאָלען מעהר מענשען, דאס בלייבט אָבער נאָר אַ גוטער ווילען...

סיי-ווי, מיינע פריינד, הויבט זיך ערשט אָן דער צווייטער סטאַדיום פון דער „קרן-היסוד-אַקציע — מען דאַרף געהן זאַמלען. און דער וואונש פון אלע, סיי פון די עסקנים און סיי פון די טשענסטאָכאָווער יודען איז, אַז די אַקציע זאָל געקרוינט ווערען מיט ערפאָלג.

עס איז א חרפה און אַ שאַנד.

איהר ווייסט, אַז די ווינקעל-שוחטים, אויסער דעם, וואס זיי זענען לויט'ן יודישען דין מאכיל טרפות, זענען זיי נאָך געזעלשאַפטליכע פערברעכער דערמיט, וואס זיי בעגנב'ענען די יודישע קהלה.

אָט די דאָזיגע פערשוינען דאַרפען ווערען געשטעלט מחוץ למחנה פון דער יודישער געזעלשאַפט. ווייזט זיך אָבער ארויס, אַז פערהאַנען יודען, וואס זענען גאָר זיי מקרב און מאַכען פון זיי אַ גאַנצען צימעס.

געקומען קיין טשענסטאָכוו אַ יונגערמאַן אברהם אבאַ, וועלכער איז א לא יצלח, איז נישט פעהיג צו זיין א בעל-מלאכה און אפילו צום האַנדלען טויג ער נישט. איז ער זיך מיישב, נעמט אַ חלף און שחט. קומען צו געהן די מתפללים פון קרוק'ס מנין, וואַרשאַווער 21, און האבען אָט דעם יאַקיל בן פלעקיל געמאַכט פאַר זייער חזן, אַזוי, אַז איצט וועט ער זיין דער אמת'ער „חזן-שוחט“. אויך זענען זיי איהם מכבד מיט כבודים, ווי סנדקאות א. ד. גל.

פלאסטישע בעטראכטונגען.

ס'וועלן זיך בלתי-ספק געפונען אזעלכע, וועלכע וועלען בעהויפטען, אז היינט איז נישט די פאסיגע צייט דערצו. עס זענען פרהאן וויכטיגערע דאגות, וואס עגבערען די מוחות; עס זענען דא פיעל לויפענדע ענינים, וועלכע פאדערען א באלדיגע לעזונג — קודם-כל דארף מען געבען די מענשען חיונה און ברויט. נישט טראכטען אין איצטיגען מאמענט וועגען אבסטראקציעס, וועלכע זענען בערעכענט אויף א ווייטערע צייט-אבשניט.

די דאזיגע אלע „ברויט-עסער" דארף מען דערמאנען די ווערטער פון איינעם פון די בעוואוסטע יודישע דיכטער, וועלכער בעטראכט פאר'ן לעצטען גאטונג מענשען אט די, פאר וועלכע — „אין דאגות אחרות, מלבד דאגת-הפרנסה".

מיך אינטערעסירט נעמליך אט דאס: וואס האבען יודען געגעבען דער פלאסטיק? כ'האב מיך וועגען דאזיגען פיעל מענשען געפרעגט, כ'האב נענישטערט אין פערשידענע ספרים, זיך אבגעשטעלט דערויף, אבער נישט געקענט געפונען א געהעריגע תשובה.

א פראגע אזא, ווי: „וויפיעל מלאכים געפונען זיך אויפ'ן שפיץ נאדעל" — קען זיין א שטארק-עמאציאנירענדע און, אהן ספק, האבען זיך פיעל מענשען איבער איהר גע'מוח'ט, כדי אויסצוגעפונען א לעזונג פון דאזיגען פראבלעם — זי האט אבער נישט אויסגעקעמפט פאר די יודען א דויערענדע פאזיציע אין די העכסטע רעגיאנען פון קאנקרעטער קונסט-שאפונג.

כ'בין מסכים, אז אין דער תקופה פון אנאליזירען אזעלכע פראבלעמען האבען די דעמאלסדיגע יודען נישט געהאט די מעגליכקייט צו שאפען פאזיטיווע ווערטען. לאמיר אבער זיך אראבלאזען אין א ביסעל ווייטער-דיסטאנסירטע צייטען:

פארוואס זעהען מיר נישט אין אט די צייטען, ווען אלע פעלקער האבען זיך געשטעלט צום ארטיסטישען וועטלויף, אז יודען זאלען דערין אנטיילנעהמען?

איך האב, אלזא, דעם איינדרוק, אז דער קערן פון דער דאזיגער פראגע ליגט אט אויף דער דאזיגער אויבערפלאך: — פעלקער, וועמען מיר האבען כמעט אלץ צו פערדאנקען אין דער פלאסטיק, ווי: גריכען, רוימער, זענען געווען געצענדינער. זייער שעפערישע פאנטאזיע איז נישט געווען געפענטעט אין רעליגיעזע קייטען. אומגעקעהרט, זייערע אמונות האבען זיי געגעבען די אבסאלוטע מעגליכקייט זיך קינסטלעריש אויסצולעבען. די פולשטענדיגע פרייהייט פון טהאט איז א מאמענט, וועמען מיר פערדאנקען די מילאנער ווענוס, לאקאאן, בעלוועדערישען אפאלין און פיעל אנדערע געניאלע ווערק, וואס אין זייער אנבליק פערגעסט דער מענש צו אטעמען.

וואו זענען געווען יודען דעמאלס, ווען דער גריכישער גייסט האט איבערגעלאזט דער וועלט אזא אונשעצבארע ירושה?

די יודען איז דעמאלט נישט געווען ערלויבט צו מאלען, סקולפטירען, בויען, ווארום די שמאלע ראהמען, אין וועלכע די רעליגיע האט ערלויבט צו שאפען, האבען נישט גענוגט דערצו, אז דער געוואנטער גייסט זאל זיך קענען איבערהויבען איבער דער דורכשניטליכקייט. מאהלען אדער סקולפטירען מענשלילע טיפען איז געווען פערבאטען, דאסגלייכען — חיות — וואס איז, אלזא, פערבליבען? — געוויקסען. דאס איז אבער א ביסעל צו ווייניג. און אזוי זענען מיר געגאנגען יאהרהונדערטער, אין רעליגיעזע קייטען.

מיר ווייסען דאך, אז, ווען מען פערבינדט אימיצען די אויגען אויף עטליכע יאהר, פערלירט ער די ראיה, אפילו, נאכדעם, ווי מען בינדט איהם אויף די אויגען.

מיר האבען פולשטענדיג פערנאכלעסיגט די פלאסטיק. מיר האבען איהר די אויגען פערדעקט. דאגעגען האבען מיר געשולט און געשליפען דעם שכל. דאס בעדייט זעהר פיעל. מיר זענען געקומען צו א מוח-אקראבאטיק.

מ'טאר אבער נישט זיין איינזייטיג. מ'דארף נישט פערגעסען, אז מ'האט צוויי הענד און, ארבייטענדיג נור מיט איינער, זענען מיר „נישט-פולקאמענע".

מיר דארפען אבגעבען א געהעריגען ארט דעם דאזיגען פערווארלאזטען געביט, וועלענדיג זיין פולשטענדיג און אלזייטיג א פאלק.

אנדערע פעלקער, קלענערע און יונגערע, האבען אונז שוין לאנג דעריאגט. וועלען מיר ווען-עס-איז זיי אמאל דעריאגען?

איצט, ווען דער ציוניזם דארף זיין אונזער נאציאנאלער רענעסאנס — וועט ער ווערען אנ'אלזייטיגע אויפלעבונג? עס עקזיסטירט שוין היינט נישט די מורא, אז ווערק פון גרויסע סקולפטארען און מאלער וועלען פערוואנדעלט ווערען אין אנ'אביעקט פון געצענדינערישען קולט. פון אט דער זייט דראהט דער אמונה נישט קיין שום סכנה!

אבער — קיין זאך אויף דער וועלט געשעהט נישט פון זיך זעלבסט. א קערן קען אפילו אויף א געזימס שלאגען ווארצלען און בליהען. דאס וועט נור אבער זיין א ספאראדישער צופאל.

צו אזא חשיבות'פולען פראבלעם דארף מען צוטרעטען אויף אנ'ארגאניזירטען אופן.

איך האלט, אז דער ציוניזם, אלס נאציאנאלע בעוועגונג, דארף אויף זיך נעהמען די אויפגאבע, זיך צו פעראינטערעסירען מיט דעם דאזיגען ביז-איצט גרינגשעצטען געביט. ווארום, אויבוואהל גליצענשטיין איז גרויס, גאטליב און ליבערמאן נישט קלענער, פונדעסטוועגען אבער בעשטעטיגען זיי נור דעם כלל וועגען דעם קערן.

גרויסע געשעהענישען אין דער פאליטיק זענען ענג-פערבונדען מיט ארגאניזאציע. די גריכישע קונסט האט זיך אזוי-מעכטיג פונאנדערגעוואקסען און פונאנדערגעבליהט, ווייל זי איז געווען ארגאניזירט דורך דער רעגירונג. דאסגלייכען אויך די רוימישע קונסט. דער רענעסאנס אין איטאליע איז אונצוטיילבאר פערבונדען מיט די מעדיציאושעס, יוליוס דעם 2-טען א. א. אין פראנקרייך — מיט די לודוויג'ס און נאפאלעאנען.

וועט די יודישע פלאסטישע קונסט זיין צונויפגעבונדען מיט'ן ציוניזם?

שמעון קראק.

יובילייע פון לאזער קאהאן

לאזער קאהאן איז געבוירן געווארען אין דעצעמבער 1885 אין גאלדינגען (א מאל קורלאנד און איצט לעטלאנד). זיין פאטער, הרב ר' שמעון הכהן זצ"ל (מחבר פון די ספרים „שער שמעון", „ברכה לישראל", „נחלת שמעון" א. א. וו.) איז אין גאלדינגען און שפעטער אין טיפאווא (לעטלאנד) פריהער געווען שטאדט-מגיד און מורה-הוראה. פון 1915—רב. דער גרויסער למדן און זעלטענער ירא-שמים האט זיינע דריי זיהן דערצויגען אין רעליגיעזען גייסט. דער עלטערער זוהן, ר' שמואל צבי כהן, וועלכער איז מיט צוויי יאהר צוריק געשטארבען אין ארץ ישראל איז דארט געווען לעהרער און האט איבערגעלאזט א פילאזאפיש ווערק („על החזון לעתיד"), וואס איז אבגעדרוקט געווארען נאך זיין טויט דורך זיינע פריינד און האט אין די קרייזען פון די געלערטע ארויסגערופען גרויס אויפזעהען. די אנדערע צוויי זיהן האבען זיך געווידמעט דער יודישער זשורנאליסטיק. דאס זענען די זשורנאליסטען לאזער קאהאן און ישראל קאהאן.—לאזער קאהאן האט אין דער יוגענד געלערנט ביי זיין פאטער ש"ס און פוסקים און ביז בר-מצוה אויך געלערנט אין א ישיבה אין זאנער (קאוונער גוב.)—שפעטער ווידמעט ער זיך וועלטליכע למודים. ענדיגט די שולע פון פעדאגאג באייוועז אין מיטאווא און גרייט זיך איינינע יאהר צום רייף-עקזאמען. איינער פון זיינע לעהרער איז געווען דער ס. ס.-פיהרער פאביאנין.— סוף 1902 פאהרט ער אריבער קיין דווינסק. ער ווערט אריינגעצויגען אין דער צעירי-ציון-בעוועגונג און ווערט גיך איינער פון די פיהרער פון דער ארטיגער ארגאניזאציע. אין אקטאבער 1905, ווען די צ. צ. איז אריבער צו „פועלי-ציון", ווערט ק. איינגעלאדענט אנצופיהרען מיט דער לאדזער ארגאניזאציע, ווי ער בלייבט אבער נישט לאנג, דען אין דעצעמבער 1905 ווערט ער איינגעלאדענט אלס שטענדיגער מיטארבייטער אין דער ערשטער טעגליכער יודישער צייטונג אין פוילען—„דער וועג". זייט דאן הויבט זיך אן זיין זשורנאליסטישע קאריערע. אין אנהויב איז ער דער סעקרעטאר פון רעדאקטאר צבי פרילוצקי. באלד בעקומט ער פעראנטווארטליכע ארבייטען אין דער צייטונג. נאכט-רעדאקטאר, ווערט געשיקט אלס ספעציעלער שליח צו די פאגראמען אין זעטעל אין ביאליסטאק (1906). ווען דער „וועג" פערמאכט זיך, ארבייט ק. מיט אין הלל צייטלינ'ס „יודישעס וואכענבלאט", אין ספעקטאר'ס „פרייטאג", אין „ראמאנצייטונג", איז ווארשאווער קארעספאנדענט פון פעטערבורגער "פריינד" א. ז. וו.—ענדע 1907 ווערט ער אנגאזשירט אלס רעדאקטאר פון דער ערשטער טעגליכער צייטונג אין לאדז „לאדזער נאכריכטען". ווען די צייטונג פערמאכט זיך גרינדעט ער צוזאמען מיט ע. חאמבורסקי, א. טענענבוים און י. אוגער דאס „לאדזער טאגעבלאט" אויף קאאפעראטיווע יסודות. שפעטער געהט די צייטונג אריבער צו האמבורסקי, טענענבוים און אוגער און ק. בלייבט אלס הויפט - מיטארבייטער און פערטרעט די צייטונג אויפ'ן ביילים-פראצעס, אויפ'ן ציוניסטישען קאנגרעס אין ווין א. א. וו.—אנהויב 1915 גרינדעט און רעדאגירט ק. דאס „לאדזער פאלקסבלאט". אין אקטאבער פון זעלבען יאהר גרינדעט ער דאס „ווארשאווער טאגבלאט", וואס ער רעדאגירט צוזאמען מיט ה. ד. נאמבערג. ווען די צייטונג ווערט פערמאכט גרינדעט ער צוזאמען מיט ה. ד. נאמבערג „דאס פאלק", וואס ווערט דערנאך דער ארגאן פון דער פאלקס-פארטיי.—פון 1917 ביז 1923 גיט ער ארויס און רעדאגירט צוזאמען מיט זיין ברודער „לאדזער פאלקסבלאט". צוליעב'ן קריזיס ווערט די צייטונג פערוואנדעלט אין א קאאפעראטיוו. פון 1923 איז ק. מיטארבייטער פון „מאמענט", ווי ער דריקט אונטער אנדערען א גרויסע סעריע „יודען אלס פיאנערען פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע" (שפעטער ערשינען אין בוך-פארם).—אין 1926, ווען עס ווערט געגרינדעט דער „ווארשאווער עקספרעס" ווערט ק. איינגעלאדענט אלס רעדאקטאר פון דער צייטונג. ווען די צייטונג פערמאכט זיך גרינדעט ער צוזאמען מיט די אנדערע רעדאקטארען און מיטארבייטער פון דער דאזיגער צייטונג דעם „אונזער עקספרעס". מיט א קליינער הפסקה ענדע 1933 ווערט ער איינגעלאדענט אלס מיטרעדאקטאר פון דער פאריזער צייטונג „דער טאג" און ארבייט אין פאריז א האלב יאהר, איז ער די גאנצע צייט אויף די פעראנטווארטליכסטע און אקטיווסטע פאזיציעס אין „אונזער עקספרעס", פערנעמענדיג זיך סיי אלס רעדאקטאר און סיי אלס פובליציסט, ווי אויך דרוקענדיג היסטארישע מאנאגראפיעס, קריטישע ארטיקלען, טעאטער-רעצענזיעס, רייזע-פעליעטאנען א. א. וו.—ער איז אויך מיטארבייטער פון דער „ארגענטינער צייטונג" „די יודישע צייטונג" און דרוקט אויך פון צייט צו צייט אין פערשידענע אמעריקאנער צייטונגען ווי אין ניו-יארקער „פארווערטס" א. אז. וו. ק. האט אויך ארויסגעגעבען א גאנצע רייהע וואכענבלעטער און זשורנאלען „האנדעלסוועלט", „טעאטער און קינא", „פרייטאג", „ווארשא" א. א. וו.—ק. איז די גאנצע צייט געווען אקטיוו געזעלשאפטליך און פאליטיש. אין לאדז: פארזיצער פון „אראטישע קונסט", פערוואלטונגס-מיטגליד פון „הזמיר", האנדווערקער קלוב", „עמיגראציע געזעלשאפט", גרינדער און פיהרער פון דער פאלקס-פארטיי, פון קליינהענדלער-ארגאניזאציע, פון האנדווערקער ארגאניזאציע אין ווארשא. מיטגרינדער און דער ערשטער פארזיצער פון יודישען ארטיסטען-פעראיין, מיטגרינדער פון דער פאלקספארטיי, פון דער יודישער טעאטער-געזעלשאפט א. אז. וו. ק. האט אויך אין לאדז און אין ווארשא אנגעפיהרט א געוויסע צייט מיט יודישע טעאטערן, געשריבען פאר'ן טעאטער, איבערזעצט איינינע פיעסען א. אז. וו. ק. איז אין לאדז געווען פרנס פון דער קהלה און אויך אין ווארשא פרנס פון דער קהלה.



אמת, נישט אלע מתפללים זענען דעריוף מסכים, און א סך זענען טאקע געקומען צו אונז אין רעדאקציע אויסדריקען זייער פערדרוס געגען אזא נבלה. די תקופים אבער פון דעם אויבענדערמאנטען מנין רעכענען זיך נישט דערמיט און טהוען זיך דאס זייעריגע.

זאגען מיר אייך יודען, אז איהר טהוט א נבלה, וואס איז א חרפה און א בושה.

ער האט זיך פארגעשטעלט אלס דעלעגאט...

די רעוויזיאניסטען פיהרען איצט אדורך די „קרן-תל-חי"-אקציע, מאכען זיי בעזוכען נישט בלויז אין די גרויסע שטעדט, נאר אויך אין די קליינע שטעדליך. און ווי געוועהנליך בעזוכען די גרויסע שטעדט די קארפען-קעפ, ווי למשל, ד"ר שעכטמאן, דיר. קלערער א. א. אין די קליינע שטעדטלעך בעזוכען ווידער די „ווייסעלעך", די פארשטעהער פון די שכנות'דיגע שטאדטישע ארגאניזאציעס,

האט זיך איין ארגאניזאציע אין א קליין שטעדטיל דוקא איינגעשפארט, אז צו זיי זאל אראבקומען א גדול; אויב נישט ד"ר שעכטמאן, טא זאל זיין כאטש דיר. קלערער. אזוי אבער ווי ס'איז נישט מעגליך געווען, אז דיר. קלערער זאל אראבפאהרען אין דעם קליינעם מקום, האט מען אראבגעשיקט א היימישען יאט און יענער האט זיך פארגעשטעלט אלס דיר. קלערער.

דערצעהלט מיר דער זעלבער דעלעגאט, אז די גאנצע צייט, וואס ער האט פערבראכט אין שטעדטיל האט ער געציטערט פאר שרעק, אז ס'זאל איהם עמיצער נישט דערקאנען, ווארום חלילה יא, וואלט ער נישט ארויס מיט גאנצע ביינער. א גליק אין איהם געשעהן, וואס באלד נאכ'ן רעפעראט האט ער אבגעצויגען און עס איז איהם אדורך בשלום.

אט אזוי מוז מען ארבייטען אויף אלע כלים, אבי צו דערגרייכען דעם ציעל; און זיך אפילו פארשטעלען אלס פרעמדער דעלעגאט...

זיי זענען זיך מתוכח...

ס'האבען זיך אנגעהויבען די וכוחים אין קהלה-ראט וועגען קהלה-בודזשעט אויפ'ן 1936-טען יאהר. גרייטען זיך די פרנסים און יעדער וויל אלץ איבערקלוגען דעם אנדערען, מיינענדיג, אז מיט זייערע רעדעס וועלען זיי אויפטהון עפיס נייעס.

פאקטיש, רבותי, איז דאס אלץ א ברכה לבטלה, נישט קיינער קאן דא עפיס אויפטהון אין דער איצטיגער צייט, ווייל די פינאנסיעלע לאגע פון די קהלות פערערגערט זיך וואס אמאל מעהר. די דיסקוסיעס רופען אויך גישט ארויס מעהר דעם אינטערעס וואס אמאל און דעריבער לוינט נישט די מיה.

צוויי שטורמישע פערזאמלונגען.

וועגען צוויי פערזאמלונגען, וועלכע זענען אדורך זעהר שטורמיש, וויל איך אייך דערצעהלען און דאס מהאי טעמה, ווייל זיי האבען א סמיכת הפרשה — אויף ביידע פערזאמלונגען איז דער שטורם ארויסגעקומען צוליעב שיך.

די ערשטע פערזאמלונג איז פארגעקומען ביים לעדער-צעך. האט מען דארט גערעדט וועגען דעם, אז די שוסטער שטארבען פאר הונגער. די „באטא", וועלכע נעמט אן אפילו „נאפראווקעס", האט אוועקגענומען די ארבייט ביי צעהנדליגער יודישע שוסטער. דאן איז פארגעקומען א ברוגזטאנץ צווישען די קאמאשען-מאכער-סעקציע מיט דער שוסטער - סעקציע אזוי ווייט, אז די קאמאשען-מאכער-סעקציע האט זיך אפילו נישט בעטייליגט אין די וואהלען.

דער דאזיגער שטורם האט טאקע גורם געווען, אז דער ביז-איצטיגער סטארשע איז איינגאנצען נישט געוועהלט געווארען אפילו אין דער פערוואלטונג.

ווי מען שמועסט, האט זיך מיט דעם נאך נישט געענדיגט, עס וועט נאך זיין „פארטזעצונג קומט", און הלואי עס זאל זיך נישט אויסלאזען מיט קאנסעקווענצען, ווייל די לאגע פון די יודישע שוסטאר איז אזוי אויך גענוג טראגיש, און עס וואלט שוין צייט געווען, אז אינערהאלב דער ארגאניזאציע זאלען נישט פארקומען קיין שטורמ'ס.

די צווייטע שטורמדיגע פערזאמלונג איז פארגעקומען ביי דער חברה — אדער ווי מען רופט עס היינט אן — געזעלשאפט „מלביש ערומים", און אויך דארט איז דער שטורם פארגעקומען צוליעב... שיכלעך.

ווי בעוואוסט בעשטעהט די טעטיגקייט פון דער „מלבוש-ערומים" דערין, וואס יעדען ווינטער קליידען זיי אן די ארימע קינדער מיט שיכלעך.

די געזעלשאפט, וועלכע צעהלט שוין עטליכע זיעבציג יאהר טעטיגקייט האט זיך געפיהרט אויפ'ן אלט-מאדישען שטייגער, מיט א מנין, מיט זאמלען אויף חתונות, ברית'ן א. ד. גל. דעם לעצטען יאהר האט איבערגענומען די פרעזעסור א חבר, וועלכער האט געוואלט דארט איינפיהרען א פארלאמענטארישע ארדנונג... ער האט געוואלט אבשאפען אלטע איינגעווארצעלטע מנהגים, ווי קדוש'ס, חברה-סעודה'לעך וכדומה. נו, נו, האט זיך דער עולם געבונטעוועט און אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג, וועלכע איז פארגעקומען די וואך, האט זיך טאקע אויפגעהויבען א שטורם ביז אונטער'ן הימעל. דער פרעזעס האט געליארמט, אז מען זאל פיהרען פארמעל, סטאטוטאווע, קאנסטיטוציאנעל... דער עולם האט ווידער געלארמט, אז אין די אלטע צייטען, ווען ס'האט זיך געפיהרט לויט'ן אלטען שטייגער, דאמאלס ווען מען האט געמאכט קידוש'ס, סעודה'לעך און גענומען צוגעצאהלט פאר די שיכלעך, האט מען געטיילט צו 70 און 80 פאר שיכלעך, און הייאהר נישט מעהר ווי 35 פאר. לכן, בכן, אהין אהער... קורץ, דער פרעזעס מיט זיינע רעפארמען האט געמוזט אבטרעטען און איבערגענומען די מאכט האבען אנדערע, די וועלכע האבען ביז נישט לאנג געפיהרט די געזעלשאפט.

אויך דא דארף מען ווינשען, אז דער שטורם זאל נישט איבערברעכען דעם 70-יעהריגען בוים, וועלכער הייסט „מלבוש ערומים"...

א ברכה אויף זייערע הענד.

די „גמילת-חסד"-קאסע ביי דער קהלה האט, ווי מען אינפארמירט אונז, צוטיילט אויף פאטענטען פאר קליינהענדלער און האנדווערקער א סומע ביז 5.000 זל.

ווען מען קוקט זיך ארום אין גאס און מען זעהט, ווי געוועלבער פערמאכען זיך בעת מען גיט א געשריי, אז דער פאטענטניק געהט, וועט מען האבען א בעגריף, וואס דאס הייסט געבען די מעגליכקייט אויסצוקויפען פאטענטען.

דעריבער דארף מען זאגען די לייטונג פון דער גמילת-חסד-קאסע פאר איהר לייסטונג אויפ'ן געביעט פון ארויסהעלפען אויף פאטענטען פאר די ארימע קליינהענדלער און האנדווערקער.

א ברכה אויף זייערע הענד.

לויתן.

אבקלאנגען פון די לעצטע סיים - וואהלען.

בעת די לעצטע סיים-וואהלען האבען, ווי בעוואוסט, מאנכע פערזאנען געפיהרט א העפטיגע און העסליכע קאמפאניע געגען דער קאנדידאטור פון דעפוטאט וואצלאוו קאבילעצקי.

צווישען די דאזיגע פערזאנען האט זיך אויך געפונען דער געוו. מאגיסט-ראט-בעאמטער וואיטשיק, וועלכער האט ארויסגעלאזט און פערשפרייט א פאש-קוויל אין וועלכען ער איז אנגעפאלען אויף דעפ. קאבילעצקי.

אין דער זעלבער צייט איז וואיטשיק בעפאלען און צושלאגען געווארען אין גאס דורך עטליכע אונבעקאנטע מענ-שען.

אין צוזאמענהאנג דערמיט האט וואי-טשיק אנגעקלאגט אין געריכט 16 פער-זאן, דערונטער דעפ. קאבילעצקי, ריכ-טער שוויטאלסקי, דיר. ריביצקי, נא-טשעלניק סטאלא, דיר. דאלינסקי, נא-טשעלניק וואלמאן, פראפ. קוטיבא א.א., וועלכע ער בעשולדיגט, אז א טייל פון זיי האבען כלומר'שט אנגערעדט איהם צו שלאגען און די אנדערע האבען אויסגעפיהרט דעם דאזיגען פלאן.

שבת 9 א זייגער אינדערפריה איז דאס שטאדטישע געריכט, אין דער פערזאן פון ריכטער לעשטשינסקי, צוגע-טרעטען צו בעהאנדלען דעם דאזיגען פראצעס.

מצד די בעשולדיגטע זענען ארויס-געטרעטען די אדוואקאטען קאנארסקי און מירמאן, מצד דעם אנקלאגער — אדוואקאט דזיובינסקי.

בעת'ן פעסטשטעלען די ליסטע פון די עדות האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער רוב פון זיי, וועלכע דער אנקלא-גער האט אנגעגעבען, האבען זיך נישט צוגעשטעלט, דאגעגען מצד די בעשול-דיגטע זענען געקומען אלע עדות.

אדוו. דזיובינסקי פאדערט אבצולעגען דעם פראצעס, כדי נאכאמאל ארויסצו-פאדערן דעם אנגעקלאגטענ'ט עדות, דערביי זאגט ער זיך אב פון די עדות סטאראסטא ראגאווסקי און די קארעס-פאנדענטין פון „אי-קא-צע" שאדקאוו-סקא. ווייטער ציהט זיך אדוו. דזיובינסקי צוריק פון דער בעשולדיגונג בנוגע דעם ריכטער שוויטאלסקי און נאטשעלניק סטאלא.

דאס געריכט לעגט דאן אב דעם פראצעס אויף א צווייטען טערמין, בע-שטראפענדיג גלייכצייטיג די נישט-געקו-מענע עדות מיט 20 זל. אדער 4 טאג ארעסט יעדען און ערקלערט דעם אנ-געקלאגטען וואיטשיק, אז אויב ער וועט נישט איינצאהלען 50 זל. אויף נייע געריכטס הוצאות וועט דער פראצעס נאכאמאל נישט בעטראכט ווערען.

צוויי קאמוניסטישע פראצעסען.

אין יוני פ.י. איז ערמארדעט געווא-רען דער 22-יעהריגער ארבייטער פון דער פאבריק „טשענסטאכאוויאנקא" — קאנסטאנטי סולינסקי.

דעם דאזיגען טהאט האבען אויסגע-פיהרט: יוזעף זשולקאווסקי און וולאדיס-לאוו ראק.

דעם 22 יוני איז סולינסקי, ווי גע-וועהנליך, 6 א זייגער פריה ארויסגע-גאנגען פון דער היים אין דער פאבריק אריין. ער איז אבער קוים אבגעגאנגען עטליכע טריט, ווען ער איז אויף א געהיימניספולען אופן ערמארדעט געווא-רען מיט 5 רעוואלווער-קוילען.

אויפ'ן ארט פון דער שיסעריי איז באלד אנגעקומען פאליציי, פאר וועלכע סולינסקי האט אנגעוויזען די מערדער. דעם הויפט-אנפאלער וולאדיסלאוו ראק איז אבער געלונגען נעלם צו ווערען און פאר'ן געריכט איז געשטעלט גע-ווארען בלויז דער 32-יעהריגער יוזעף זשולקאווסקי.

די סיבה פון מארד איז געווען דאס פערראטען דורך סולינסקי'ן פאר'ן אויס-פארשונגס-ריכטער עטליכע איינצעלהיי-טען געגען זשולקאווסקי'ן, וועלכער איז געווען אונטער'ן חשד פון געהערען צו דער קאמוניסטישער פארטיי און נעמען אנ'אקטיווען אנטייל אין דער זאמעל-אקציע פאר'ן „מאפר".

אויף דער בעשולדיגונגס-באנק זענען אויסער זשולקאווסקי'ן געזעסען: וולא-דיסלאוו אדאמטשיק, יוזעף אראמטשיק, יאן שעוויערסקי און וולאדיסלאוו מויסע.

צוערשט האט דאס געריכט בעטראכט די אנקלאגע פאר געהערען צו דער קאמוניסטישער פארטיי און פאר קומען אין קאנטאקט מיט אנדערע פערזאנען, כדי אומצווווארפען די הערשענדע ארד-נונג ווי אויך פאר גרינדען א זאמעל-קאמיטעט פאר'ן „מאפר" אין דער פא-בריק „טשענסטאכאוויאנקע".

דעם דאזיגען טהאט זענען זיי בע-גאנגען דורך אגיטאציע און פונאנ-דערווארפען קאמוניסטישע אויפרופען. וועגען דעם האט דער פאליציי מיטגע-טיילט סולינסקי, וועלכער האט ערקלערט, אז ער האט געזעהן ווי זשולקאווסקי האט געזאמעלט פאר'ן „מאפר" און גע-געבען דערפאר ווייסע קוויטעלעך. אויך סולינסקי האט בעקומען פון זשולקאוו-סקי'ן אזא קוויטעל מיט'ן בעדינג, אז ער זאל עס באלד פערניכטען, ווייל ער קען דערפאר געהן זיצען.

זשולקאווסקי האט זיך נישט מודה געווען צו דער שולד, ערקלערענדיג, אז ער האט געזאמעלט פאר די שטרייקענ-דע ארבייטער אין די „פעלצער'ס" און פאר אנדערע קראנקע ארבייטער. ער האט אבער נישט געגעבען קיין שום קוויטונגען. די ארבייטער האבען זייערע נדבות אריינגעלעגט אין היטעל פון אנ'ארבייטער. וועגען דער זאמלונג פאר די שטרייקענדע ארבייטער האט די פאבריקס-דירעקציע געוואוסט. דער אנ-געקלאגטער געדענקט אויך, אז איינמאל האט דאס היטעל געהאלטען דער אנגע-קלאגטער מויסע.

צו דער קאמוניסטישער פארטיי האט ער נישט געהערט. סולינסקי'ן האט ער געקענט פון דער צייט ווען ער האט אנגעהויבען ארבייטען אין דער פאבריק. סולינסקי'ן האט געהאט צו איהם א טענה דערפאר, ווייל ער האט איהם אויסגע-לאכט פאר דער פאסירונג, ווען לאסאטא האט צו איהם געשאסען אויס נקמה צוליב'ן חנפ'ענען זיך צום לעצטענס ווייב. איבעריגענס האבען אלע געלאכט פון סולינסקי'ן, אבער אממיינסטען דער אנגעקלאגטער און דערפאר האט סולינ-סקי בעלעגט אין דער פאליציי בעשווע-רענדע ערקלערונגען. די ארבייט אין דער פאבריק האט ער פערלוירען נישט צוליב סולינסקי'ן, נאר ווייל ער איז געווען ארעסטירט אין צוזאמענהאנג מיט דער שטרייק-אקציע אין פעלצערס-פא-בריק און דעריבער נישט בעוויזען צו שטעלען זיך צו דער ארבייט אין דער געהעריגער צייט.

נאכ'ן אנגעקלאגטען זשולקאווסקי האט אבגעגעבען זיינע ערקלערונגען דער אנגעקלאגטער וולאדיסלאוו אדאמטשיק, וועלכער האט זיך נישט מודה געווען צום פארגעווארפענעם טהאט.

אויך דער אנגעקלאגטער יוזעף אדאמ-טשיק האט זיך נישט מודה געווען צו דער שולד.

דער אנגעקלאגטער יאן שעוויערסקי האט ערקלערט, אז ער האט נישט גע-הערט צום „מאפר". אויך דער אנגע-קלאגטער מויסא האט זיך נישט מודה געווען צום אדורכפיהרען די זאמלונגען.

נאכ'ן אויסהערען די עדות-ערקלערונגען און די רעדעס פון די צדדים האט דאס געריכט ארויס-געטראגען אנ'אורטייל, לויט וועלכען יוזעף זשולקאווסקי איז געווארען פער'-משפט אויף 3 יאהר תפיסה און אויפ'ן סמך פון דער אמנעסטיע פערקלענערט די שטראף אויף א העלפט און די איב-ריגע — ווי אויך אדאמטשיק, שעוויער-סקי און מויסע — צו 2 יאהר תפיסה און אויפ'ן סמך פון דער אמנעסטיע זיי געשענקט די שטראף.

אין צווייטען פראצעס האט פערנומען די בעשולדיגונגס-באנק יוזעף זשולקאוו-סקי אלס אנגעקלאגטער פאר אנרעדען וולאדיסלאוו ראק'ן צו דער'הרג'ענען קאנסטאנטי סולינסקי'ן.

דער פערוואונדעטער סולינסקי האט מודה געווען אין שפיטאל, אז דעם אטענטאט אויף זיין לעבען האט אויס-געפיהרט פוקס פון דער „טשענסטאכא-וויאנקע". פאליציי האט ארעסטירט פוקס'ן, אבער סולינסקי האט, נאכ'ן פארשטעלען פאר איהם דעם פערדעכ-טיגען, אבגעלייקענט און דאמאלס אנגע-געבען דעם נאמען פון ווצ. ראק און אלס כאראקטעריסטישע איינצעלהייט אנגעגעבען ראק'ס אבגעברענט פנים. בעת'ן שיסען האט ראק געהאט פער-שטעלט דאס פנים מיט א טיכעל. אלס צווייטען שותף האט סולינסקי אנגעגע-בען דעם אנגעקלאגטען זשולקאווסקי, וועלכער האט אנגערעדט ראק'ן צו שי-סען צו איהם פאר בעלעגען בעלאסטענ-דע ערקלערונגען ביים אויספארשונגס-ריכטער.

די געריכטס-פערהאנדלונג האט נישט פעסטגעשטעלט זשולקאווסקי'ס שולד, צוליב וואס דער פראקוראר האט זיך אבגעזאגט פון דער בעשולדיגונג. דאס געריכט האט דעריבער ארויסגעגעבען א בעפרייאונגס-אורטייל.

Spółdzielczy

Bank Handlowo-Przemysłowy

z ogr. odp. Częstochowa N. Rynek 4

ערלעדיגט אלערליי באנק - אפעראציעס און האט בעשטימט א ספעציעלען פאנד אויף הלוואות פאר האנדווערקער און קליינהענדלער

לעצטע 2 טעג פון דער אפערעטען-טרופע אין טשענסטאכאוו.

היינט, פרייטאג, דעם 10 ד. ח. 9-30 אוועגד ווערט געגעבען צום לעצטען מאל די שטארק-אויסגענומענע אפערעטע „דאס קלעזמערל".

נאך דער פארשטעלונג וועט שלמה פריזאמענט געבען דעם גרויסען שלא-גער „דער שבת-גוי", וואו ער בעוויזט זיך סיי אלס אקטיאר, סיי אלס מוזיקער. די טרופע וועט געבען א רייהע פאלקס-לידער, ראמאנסען און ספעציעלע טענץ.

מארגען, שבת לעצטע צוויי געזעג-נונגס-פארשטעלונגען (4 בייטאג און 9 אוועגד). עס ווערט צוגעגרייט עפעס איבערראשענדעס. וואס?... לייענט די מארגענדיגע אפישען און אוליאטקעס.

בילעטען אויף שבת א גאנצען טאג ביי דער קאסע פון פייערלעשער-זאל.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון לעדער-צעך.

פערגאנגענעם שבת אוועגד איז אין אייגענעם לאקאל אלעע 12 פארגעקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון לעדער-צעך.

אלס פארזיצער ווערט אויסגעוועהלט ה' דארפגאנג, סעקרעטאר ה' א. וויע-נער.

נאכדעם ווי ה' ווייס גיט אב דעם בעריכט ענטוויקעלט זיך א לענגערע דיסקוסיע וועגען דער לאגע אין שוס-טער פאך. דער בעריכט ווערע אנגע-נומען.

דעם קאסע-בעריכט גיט אב סעק. ה' וויענער.

דער בודזשעט אויף דער סומע פון 800 זל. ווערט בעשטעטיגט.

די וואהלען גיבען פאלגענדען רע-זולטאט: אלס סטארשע ווערט געוועהלט ה' ה. פרייצרמויער אלס פאדסטארשעס די ה"ה: מ. בערמאן, דארפגאנג. א. א.

די אלגעמיינע פערזאמלונג פון „מלבוש ערומים".

פערגאנגענעם מאנטאג איז אין איי-גענעם לאקאל (גארנצארסקא 21) פאר-געקומען אונטער'ן פארזיץ פון ה' זשיט-ניצקי די אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער געזעלשאפט „מלבוש-ערומים". דעם פראטאקאל האט געפיהרט ה' בראון. ה' ווייס גיט-אב דעם טעטיגקייטס-בע-ריכט און ה' הערץ—דעם קאסע-בעריכט.

נאך א קורצער דיסקוסיע ווערט דער בעריכט אנגענומען. דער בודזשעט אויף דער סומע פון 550 זלאטעס ווערט בע-שטעטיגט.

אין דער פערוואלטונג ווערען גע-וועהלט די ה"ה: ה. זשיטניצקי, בראון, זילבערפעלד, מ. שפאלטען. מ. גאלד-בערג, ה. אלעקסאנדראוויטש און מיל-שטיין. פערטרעטער: א. ניימארק און י. יאקובאוויטש. רעוויזיאנס-קאמיסיע: נוטקעוויטש, מ. ארזשינסקי און א. יא-קובאוויטש.

די גרינגשעצונג פון קינא „סטילאווי" לגבי די יודישע בעזובער.

ווידער א דייטשער פילם — „טוראנדאט".

ווי מיר האבען שוין געשריבען האט דער קינא „סטילאווי" ווידער אהערגע-בראכט א דייטשען פילם „טוראנדאט", וועלכער ווערט פון נעכטען אן דארט דעמאנסטרירט.

נאך מ'יט עטליכע וואכען צוריק בעת אין זעלבען קינא איז דעמאנסטרירט געווארען דער דייטשער פילם „קאכאם ווישיסטקיע קאביעטי", האבען מיר אנ-געוויזען, אז אזא בעציהונג מצד דעם קינא-אייגענטימער לגבי די יודישע בע-זוכער הייסט פשוט געשפיגען דעם יודישען עולם אין פנים אריין. אויב דאן האט נאך די קינא-דירעקציע גע-פרובט זיך צו פערטיידיגען, אז אין יענעם בילד איז אויפגעטרעטען דער בעריהמטער פוילישער זינגער יאן קע-פורא און נאך אנדערע תירוצים, איז אין יעצטיגען פאל שוין קיין תירוץ נישט פערהאן. עס זעהט אויס אזוי ווי דער ה' גאגוט וואלט זיך בכיון געוואלט רייצען מיט דער יודישער בעפעלקערונג און להכעיס אונז אלעמען ברענגען דייטשע פילמען.

די יודישע בעפעלקערונג — זענען מיר זיכער — וועט וויסען ווי אבצושא-צען די דאזיגע האנדלונג פון קינא „סטילאווי".

פון האנדווערקער לעבען.

מיטוואך דעם 15 ד. ח. קומט פאר אין אייגענעם לאקאל אלעע 12, 6 א זייגער אוועגד די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון מאלער צעך. אין 8 א זייגער דעמזעלבען אוועגד די יעהר-ליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון טיש-לער און דרעקסלער-צעך מיט די גע-העריגע סדר היום'ס.

נדבות פאר דער געז. „תומכי-עניים"

פרוי גיטעל שלאמקא פאריז צו דער יאהרצייט פון איהר פאטער נ"ע 40 קילא ברויט.

ה' דוד ווינדמאן צו דער יאהרצייט פון זיין פאטער נ"ע 10 קילא ברויט.

ה' ב. באטשאן צו דער יאהרצייט פון זיין פאטער נ"ע 20 קילא ברויט.

ה' אברהם ראזענבלאט 8 קילא ברויט.

פאר'ן שפיטאל ב. הערצבערג 6.20 זלאטעס.

פון ב"עם.

מארגען, שבת, דעם 11-טען ד. ח. פונקטליך האלב 4 נאכמיטאג קומט-פאר אין לאקאל פון ב"עם אנ'אסיפה פון גאנצען סניף „ברית עבודה מנורה". אלע הברים מוזען דורכאויס זיין אנווע-זענד.

— זונטאג, דעם 12 ד. ח. פונקטליך 8.30 אוועגד קומט פאר אין ב"עם א רעפעראט פון ח' ע. יאקובאוויטש א. ד. ט. „ווער זענען די שולדיגע אין לעגיסלאטיוו-ראט".

אמנעסטירטע ארעסטאנטען האבען זיך שוין גענומען צוריק צו זייער „ארבייט".

מאנכע פון די אמנעסטירטע פער-ברעכער, וועלכע זענען בעפרייט געווא-רען קוים מיט עטליכע טעג צוריק, הא-בען שוין בעוויזען צוריק זיך אריינצו-בעקומען אין תפיסה אריין.

אזוי האט דער בעפרייטער פון ארעסט אין זשארקי, א געוויסער קובארסקי, אויסגעפיהרט אנ'איינבערוך אין א דאר-פישער וואוינונג אין אלשטין. ער איז אבער פערהאלטען געווארען אין מיטען דער ארבייט.

אויך א געוויסער זשולאוויק, וועל-כער איז געווארען בעפרייט פון דער פיעטרקאווער תפיסה, האט אויף ווואר-שאווער גאס אין א שיכור'ן צושטאנד צושלאגען א דורכגעהער און ארויסגע-רופען אנ'אוואנטורע. דעם אנגעקומענעם פאליציאנט האט ער דערביי אונפער-האפט א שטארקען קלאפ געגעבען, אז ער האט זיך איבערגעדרעהט, אבער צום סוף האט ער דעם פערברעכער געשמידט אין קייטען און אבגעפיהרט אין פאליציי-ארעסט.

אינטערעסאנטע פארלעזונג פון ל. מלאך.

היינט, פרייטאג, דעם 10-טען ד. ה. 8 אוועגד קומט פאר אין האנדווערקער-זאל, אלעע 12, א פארלעזונג פון בע-וואוסטען דיכטער לייב מלאך פון אמע-ריקא א. ד. ט. „אונטער די שווארצע פליגלען פון רוימישען אדלער".

נאך דער פארלעזונג קומט פאר אין זעלבען זאל א געזעגנונגס-אוועגד פאר'ן דיכטער צום אבפאהר קיין אמעריקא מיט דער בעטייליגונג פון ארטיסטען פון טשענסטאכאווער יודישען טעאטער.

כוליגאנעס בעפאלען און צושלאגען א יוד אויף סטראזשאצקא-גאס.

פערג. פרייטאג אין אוועגד זענען אויף סטראזשאצקא גאס, נעבען דעם פייערלעשער-זאל, דריי נישט-ענטדעקטע כוליגאנעס בעפאלען דעם דורכגעהענדען מאוריצי גאלדקארן פון קראקא. איינער פון די כוליגאנעס האט מיט א שטיק אייזען געגעבען א זעץ דעם ה' ג. אין די ציין, אין דער צייט ווען א צווייטער האט זיך פערמאסטען מיט א מעסער, וואס ער האט געהאלטען אין האנד.

ערשט אויף די געשרייען און הילפס-רופען פון צושלאגענעם און פון די דורכגעהענדע יודישע טעאטער-בעזוכער זענען די כוליגאנעס נעלם געווארען, אזוי אז די אנגעקומענע פאליציי האט זיי שוין נישט בעוויזען צו פערהאלטען.

נייער פלאץ-קאמענדאנט אין טשענסטאכאוו.

אויפ'ן ארט פון פאדפולק. קאשא, וועלכער איז נאמינירט געווארען אלס דאוואודצע פון 9 לעגיאנען-פולק, איז אלס פלאץ-קאמענדאנט אין טשענסטא-כאוו נאמינירט געווארען מאיאר וואצ-לאוו סאסנקאווסקי פון 8-טען לעגיאנען-פולק אין לובלין.

דער ניי-נאמינירטער פלאץ-קאמענ-דאנט וועט אין די נאהנטסטע טעג איבערנעמען דעם אמט.

דער שוועדישער קאנסול אין טשענסטאכאוו.

פערג. זונטאג און מאנטאג האט אין אונזער שטאדט געווילט דער שוועדי-שער קאנסול און ראט פון שוועדישען קאנסולאט אין ווארשא ה' טארסטען בערגענדהאל.

ה' בערגענדהאל האט מיט א גרוי-סער פעראינטערעסירונג בעזוכט דעם קלויסטער, וואס ס'האט אויף דעם גאסט געמאכט א גוטען איינדרוק, הויפטזעכ-ליך די אלעען, וועלכע ציהען זיך ביז'ן צום קלויסטער.

דער בריליאַנט, וואָס האָט יעדען געבראַכט אומגליק.

פון ז. האבער, וויען.

אין דער לעצטער צייט איז אַ גרויסע סענסאַציע אין דער גאנצער וועלט, וואס אינטערעסירט זיך מיט ציהרונג. כ'איז פערקויפט געוואָרען דער „בלויער בריליאַנט", וואָס ליגט שוין פיעל יאהרען ביי אַ נעוויאָרקער יובילער און וועלכען מ'האט נישט געקענט פערקויפען, ווייל ס'הייסט, אַז ער האט יעדען, וואס האט דעם שטיין געקויפט, געבראכט עפיס אַנ'אומגליק.

געקויפט האָט איצט דעם דאזיגען בריליאנט העגרי דעטערדינג, דער אַמעריקאנישער אייל-קעניג, דער פרעזידענט פון דער „שעל-געזעלשאפט.

גאַנצע לעגענדעס זענען פערקניפט מיט דעם דאָזיגען בריליאַנט.

געפונען האט איהם מיט פיעל יאָהרען צוריק דער דיאַמענטען-גרעבער יאַקאָב יאָנקער אויף אַ דימענט-פעלד אין צפון-אפריקא. דער בריליאנט איז זעהר שעהן, ווארפט בלויע פאַרבען און האלט 425 קאַראַט. ער ווערט פערעכענט פאַר דעם גרעסטען בריליאנט, וואס מ'האט ווען ס'איז געפונען.

לכתחילה האט מען דעם בריליאנט געוואלט שענקען דער ענגלישער קעניגין וויקטאָריא. אַזוי ווי אָבער די פעלדער, וואו מ'האט דעם בריליאַנט געפונען, האבען געהערט צו פריוואטע מענשען, האבען זיי דעם בריליאנט נישט געוואלט אַוועקגעבען בחנם.

דער ערשטער, וואס האט דעם בריליאנט געקויפט, איז געווען דער פראַנצויזישער מאַגנאַט טאַווערניע. ביי איהם אָיז דער שטיין געלעגען עטליכע יאָהר. אויף א געיעג נאָך ווילדע חיות איז טאווערניע אויפגעפרעסען געוואָרען פון א טיגער. זיינע יורשים האָבען אַ לאנגע צייט דעם שטיין נישט געקענט פערקויפען און האָבען איהם געבראכט קיין אַמסטערדאם, מ'זאָל אויס איהם מאכען צוויי – ביז דריי קלענערע שטיינער. דאָרט האט איהם געקויפט אַזוי ווי ער איז געווען, דער האָלענדישער יובילער באָלס. אַ יאָהר שפעטער, נאָך איידער ער האט דעם שטיין געקענט פערקויפען, איז ער משוגע געוואָרען און האט זיך אויפגעהאנגען.

זיין זוהן פערקויפט דעם שטיין א פוילישער גרעפין, וואס איז א יאהר שפעטער דערשאָסען געוואָרען פון איהרען א ליבהאָבער.

דערנאָך האט מען דעם שטיין פערקויפט דעם טערקישען סולטאַן אבדול האַמעד, וואָס איז שפעטער דערשאָסען געוואָרען. די יונג-טערקען ברענגען דעם שטיין קיין ניו-יאָרק. דאָרט קענען זיי איהם שווער פערקויפען, ווייל מ'שמועסט, אז ער ברענגט יעדען אומגליק. דער מיליאָנער מעק ליען קויפט דעם שטיין און שענקט איהם זיין פרוי צום 25 טאָג פון זייער חתונה. א יאהר שפעטער שטאַרבט זיין איינציגער זוהן און די פרוי פער'סמ'ט זיך. דעם שטיין קויפט א דייטשער הענדלער האָפע און ברענגט איהם צו פערקויפען אויפ'ן לייפציגער יריד.

דאָרט קויפט איהם דער אַמסטערדאַמער יאָוועליר אָפּערדינג פאַר 675 טויזענד דאָלאַר, גרויסע צרות האט ער מיט'ן איהערפיהרען דעם רינג פון לייפציג קיין אַמסטערדאַם. מיט מיה און נויט נעמט א לאָנדאָנער פערזיכערונגס-געזעלשאפט אויף זיך דאס אחריות אריבערצופיהרען דעם רינג און הייסט זיך דערפאַר בעצאהלען צוויי טויזענד דאָלאַר, אין א רעזערווירטען וואַגאָן פאהרען עטליכע לאָנדאָנער דעטעקטיווען און פיהרען מיט זיך קיין אַמסטערדאַם אַ בריליאַנט, וואס האט די גרויס פון א עגטען-איי.

אָפּערדינג געפינט אין אַמסטערדאַם קיין סוחר פאַר דעם שטיין. ערך דריי יאהר שפעטער שטאַרבט ער שלאַגמעסיג און זיין זוהן געלונגט עס צו פערקויפען דעם שטיין פאַר 750 טויזענד דאָלאַר דעם אמעריקאנישען יובילער ווינסטאָן, וועלכער לאָזט איהם פון דעטעקטיווען בעוואַכען טאג און נאַכט, ביז וואָנען ס'גליקט איהם, מיט א קורצער צייט צוריק, צו פערקויפען דעם שטיין דעם אייל-מאַגנאַט דעטערדינג, פאַר א מיליאָן דאָלאַר.

דעטערדינג האט איהם געשענקט זיין פרוי צו איהר געבורטס-טאג.

האָפענטליך האט זי גליק מיט דער מתנה.

KURSY BUCHALTERYJNE

prowadzone pod kier. **R. German-Szumacherowej**

przyjmują zapisy kandydatów (ek)

na 2-gie szkolne półrocze.

1) KURS BUCHALTERJI prowadzony jest indywidualnie i zbiorowo.
2) Kończącym wydaje się ŚWIADECTWA.

Kancelarja ul. Dąbrowskiego 11, front, m. 5

piętro 2-gie, tel. 22-75

Tamże 1-sza szkoła pisania na maszynach

יודישער מאלער, גלעזער און קאַפּלאושעס-צעך

מיטוואָך ד. 15-טען ד. ח. 5 אַ זייגער (אין צווייטען טערמין 6 אָוועגד)

קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאָל

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג

מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג:

1) ערעפנונג, 2) וואהלען פון א פרעזידיום, 3) לעזען דעם פּראָטאָקאָל פון דער לעצטער פערזאַמלונג, 4) טעטיגקייטס-בעריכט, 5) קאסע-בעריכט, 6) בודזשעט אויפ'ן יאהר 1936, 7) איינפיהרען אין לעבען דעם פאַראגראַף 3 פונקט 2 פון צעכען-סטאטוט, 7) וואהלען פון די אָבטרעטענדע פערוואלטענדע פערוואַלטונגס-מיטגלידער, 8) פרייע פאָרשלאָגען.

טישלער און דרעקסלער צעך.

מיטוואָך ד. 15 ד.ח. פונקט. 7 אַ זייגער (אין צווייטען טערמין 8 אָוועגד)

וועט פאָרקומען אין אייגענעם לאָקאָל

די יעהרליכע אַלגעמיינע פערזאַמלונג

מיט פאָלגענדען טאָג-אָרדנונג:

1) ערעפנונג, 2) וואהלען פון אַ פרעזידיום, 3) פאָרלעזען דעם פּראָטאָקאָל פון דער לעצטער אַלגעמיינער פערזאַמלונג, 4) טעטיגקייטס-בעריכט, 5) קאסע-בעריכט, 6) בעשטעטיגען דעם בודזשעט אויפ'ן יאָהר 1936. 7) וואהלען פון די אָבטרעטענדע פערוואַלטונגס - מיטגלידער, 8) פרייע פאָרשלאָגען.

Szkoła tańców

baletm. Kosteckiego

ul. Waszyngtona № 6.

Zapisy na kursy, lekcje pojedyńcze codziennie. Udzielam lekcji w zakładach naukowych i domach prywatnyc .

Ostatnie nowości.

אכטונג: יעדען שבת קומט פאָר אַ פּראַקטישע לעקציע פאַריודישע געזעלשאפט. אָנהויב 8 אָוו. 1-קלאַסיגע מוזיק

[illegible]

Zastępca: H. NORYMBERSKI, Częstochowa, Aleja 38

דרייסטער אָנפאַל אויף קאָנטראָלערען פון שטאָדטישען שעכט-הויז.

אויף דער א. ג. הערביער בריק איז נעכטען אויסגעפיהרט געוואָרען אנ'אָנפאַל אויף די שטאָדטישע קאָנטראָלערען: לעוואנדאווסקי, נאָוואַק און ראָמאַס, בעת די לעצטע האבען ארום 6 א זייגער פריה פערהאלטען א פיהר, אויף וועלכער זיי האבען ערוואַרט צו געפינען פלייש פון געהיימער שחיטה. ווען די קאָנטראָלערען האבען געוואלט רעווידירען די פוהר, זענען זיי בעפאלען געוואָרען מיט שטעקענ'ס דורך 5 מאנסלייט, וועלכע האבען די פוהר בעגלייט. די קאָנטראָלערען האבען דאן געמוזט ענטלויפען.

ווי ס'ווייזט זיך ארויס זענען די אָנפאַלער געדינגען געוואָרען דורך קצבים פון בלעשנאַ, וועלכע בעשעפטיגען זיך א לענגערע צייט מיט געהיימער שחיטה. אזוי ווי עטליכע פלייש-טראַנספּאָרטען זענען לעצטענס פערהאלטען געוואָרען דורך די קאָנטראָלערען, האבען די קצבים געדינגען עטליכע כוליגאנעס כדי די טראַנספּאָרטען צו שיצען.

פּאָליציי פיהרט אנ'אויספאָרשונג, כדי צו ענטדעקען סיי די אָנפאלער, סיי די קצבים, וועלכע האבען די אָנפאלער געדינגען.

עגזיסטירט פון 1898 יאָהר.

אין דער גוט-בעקאַנטער

דרוקערײ פון

ב. באָטשאַן

1 אַלעע 6

טעלעפ. 22-01

ווערט אויסגעפיהרט שעהן און אַקוראַט אַלערלײ דרוק-אַרבייט,

— ווי: —

בריעף - בויגען

קאָפּערטען

פּאָסט-קאַרטען

חתונה-קארטען

בראָשורען

קוויטאַריושען

אַפּישען

פלוג - צעטלען

קלעפּסידרעס

א. ד. גל. ביליגער ווי איבעראַל.

בעמערקונג: קלעפּסידרעס ווערען אויסגעפּערטיגט און אויסגעקלעבט אין משך פון 1 שעה.

KINO „EDEN".

דער מעכטיגסטער פילם פון סאָוויעטישער פּראָדוקציע אויסגעצייכענט אויפ'ן קאָנקורס אין מאָסקווע

W walce z Caratem

מיליאָנען האָבען געקעמפט אין די אונטערערדישע היילען. מיליאָנען האבען געשאַפען דאס קונסטווערק.

ס'נעמען אָנטייל די געניאַלסטע סאָוויעטישע אַרטיסטען אונטער דער רעזשי פון די בעקאַנטע

אייזענשטיין און פודאָווקין.

דער קעלצער חזן אין דער שטאָדט-שוהל.

אין דער שטאָדט-שוהל וועט היינט, פרייטאג-צו-נאַכטס און מאָרגען, שבת דאווענען דער בעוואוסטער קעלצער חזן ה' צבי גורניצקי, וועלכער האט פאריגען שבת זיך קונה שם געווען מיט זיינע מתיקות'דיגע תפילות און געזאַנגען.

ה' גורניצקי איז אנ'ערנסטער קאַנדידאַט צו פערנעמען דעם פּאָסטען אלס חזן אין דער היגער שטאָדט-שוהל.

„מכבי" – „ב. ק. ס." (ניי בויטען).

ענדליך, נאָך לאנגע ערוואַרטונגען וועלען דעם קומענדען זונטאג פארקומען די ערשטע באָקס-קאַמפען צווישען „מכבי" און „ב.ק.ס." פון ניי בויטען.

„מכבי" האט זיך שטאַרק צוגעגרייט, אדורכגעפיהרט אינטענסיווע טרענינגען, כדי ווי געהעריג זיך צו ענטקעגענשטעלען אין קאַמף מיט „ב.ק.ס.", וועלכער איז מייסטער פון „בע"-קלאַס אין שלעזיען. די קאמפען וועלען האָפענטליך שטעהן אויף דער געהעריגער הויך און דאס פובליקום, וועלכעס וואַרט שוין דערויף מיט אונגעדולד, וועט געוויס האבען א אמת'ן נחת-רוח.

20% więcej światła za darmo.

Na rynku ukazały się nowej konstrukcji żarówki, tak zwane OSRAMÓWKI-D, których palniki świetlne są zbudowane z dwuskrętnego drutu wolframowego, wydzielające do 20% więcej światła, niż żarówki w wykonaniu dotychczasowym — Osiągnięcie tego sukcesu kosztowało blisko 20 lat pracy i badań laboratoryjnych, uwieńczonych jednak znakomitym wynikiem, podniesiono bowiem wydajność świetlną żarówki, nie kosztem prądu, lecz wielkiem udoskonaleniem technicznem.—

Blisko 20% więcej światła wydzielanego przez OSRAMÓWKI-D otrzymuje spożywca za darmo, bo ani żarówka tego typu, ani też pobierany przez nią prąd nic więcej nie kosztuje ponad dotychczasowe wydatki.—

היינט ענדיגען זיך די שול-פעריעס.

היינט, פרייטאג הויבען זיך אָן, נאָך קרוב 3-וואָכענדיגע פעריען, די נאָרמאַלע לימודים אין אלע מיטעל-און פאָלקס שולען.

וויפיעל אַרעסטאַנטען איז פערבליבען אויף זאַוואָדזיע?

לויט די לעצטע אויסרעכנונגען האט די צאהל פון אַמנעסטירטע אין טשענסטאכאוו דערגרייכט ביז 174. נאכ'ן בעפרייען זענען אין תפיסה פערבליבען 317 פערזאָן, דערפון דער גרעסטער טייל אין אויספאָרשונגס-אַרעסט.

כדאי צו בעמערקען, אַז די תפיסה אויף זאַוואָדזיע איז אויסגערעכענט נור אויף 285 אַרעסטאַנטען און נאָך דער אַמנעסטיע אפילו פערבלייבען דאָרט מעהר אַרעסטאַנטען ווי די טעאָרעטישע נאָרמע זעהט פאָר.

פון ווילנע.

נישט בעשטעטיגט דעם קהלה-בודזשעט אין ווילנע.

דער ווילנער קהלה בודזשעט פאָר'ן יאהר 1936 איז צוריקגעקומען פון סטאַראָסטווע נישט בעשטעטיגט צוליעב דעם, וואס די הכנסות פון בודזשעט זענען נישט צוגעפאסט צו דער שחיטה-רעדוקציע, לויט די אינסטרוקציעס פון סטאַראָסטווא.

אין צוזאמענהאנג דערמיט איז דער קהלה פרעזעס ה' יוסף יונג געווען אין דער וואָיעוואודסטווע אין לאָדז, כדי צו אינטערווענירען, צוזאמען מיט אַנדערע שטעדט פון דער וואָיעוואודסטווע, וועגען ענדערן די רעדוקציע-פעראָרדנונג, וועלכע איז עלול צו פאַראַליזירען די גאנצע סאָציאַלע טעטיגקייט פון די קהלות.

ווי מיר דערוויסען זיך זאָל די אינטערווענץ האבען טיילווייז געווירקט און אין קורצען זאָל די פראגע ווערען דעצידירט.

פּראָטעסט-פערזאמלונג פון ציוני. רעוויזיאָניסטען.

פערג. מיטוואָך איז אין „מכבי"-לאָקאַל פאָרגעקומען א גרויסע פּראָטעסט-פערזאַמלונג „געגען דעם לעגיסלאַטיווען-ראַט, איינגעאָרדענט דורך דער פעראייניגונג ביי דער נ. צ. אָ. ביי א פולגעפּאַקטען זאָל עפענט פרעזעס יוסף יונג די פערזאמלונג.

עס האָלט דאַן א שאַרפע רעדע געגען דעם פּלאַן ד"ר ס. ד. און דאַן זענען געוואָרען אָנגענומען ענטשפּרעכענדע רעזאָלוציעס.

כוליגאנישע אַרויסטריטען אין דער סילוועסטער-נאַכט.

אינ'ם סילוועסטער-אָוועגד זענען פאָרגעקומען עטליכע כוליגאַנישע ארויסטריטען, אָבגעטהון דורך נארא-לאָבוזעס און אונטערוועלט-העלדען.

אזוי איז אויסגעהאקט געוואָרען דאס שוי-פענסטער פון דאַווידאָוויטשעס גאַלאַנטעריע-געשעפט אויף פּלאַץ-לעניאָנאָוו.

ווען דער אייגענטימער האט דעם אוואַנטוריסט פערהאלטען, זענען ווי פון הינטער דער ערד אויסגעוואַקסען א מחנה נארא-שקצים, וועלכע האבען דעם פערהאלטענעם שייגעץ אָבגעשלאָגן. דאָווידאָוויטש האט זיך אָבער ווייטער געלאָזט יאָגען נאכ'ן ענטלויפענדען שייגעץ און מיט דער הילף פון א פּאָליציאַנט, וועלכער איז איהם ענטגעגענגעקומען—איז דער אָנפּאַלער פערהאלטען געוואָרען. ס'איז אויך אַרעסטירט געוואָרען א נארא העלד, וועלכער האט צום צווייטען מאל געפּרובט אָבקלאַפּען דעם פערהאלטענעם. געגען ביידע זענען צוזאמענגעשטעלט געוואָרען געהעריגע פּראָטאָקאָלען.

אין דער זעלבער נאַכט איז דורך ענדעקישע שקצים מערדערליך צושלאָגען געוואָרען דער אדורכגעהענדער יונגערמאַן זאַנדשטיין פאַר'ן לאָקאל פון די ענדעקעס אויף רודזקא גאַס.

דער בעקאַנטער ענדעק יאַן טיושלער איז אויפ'ן נייעם מאַרק בעפאַלען געוואָרען דורך אונטערוועלט-שקצים, וועלכע האבען איהם שטאַרק צו'ממית'ט מיט מעסער'ס, אזוי אז מען האט איהם געמוזט אָבפיהרען אין שפּיטאל אריין. ער האט דאביי נאָך געהאט גליק וואס א פּאָליציאַנט האט איהם ארויסגעראַטעוועט א האַלב-טויטען פון זייערע הענד.

אויסער דעם זענען פאָרגעקומען א רייהע געשלעגען מיט שטעקענעס און מעסער'ס צווישען שכורים.

Kino „LUNA"

היינט די הערליכע פּרעמיערע!

די העלדין פון „טשיבי", „פּיאָטרוש" און „טשאַפּלין אין קלייד", בעריהמטע

פראַנטשישקא גאַאַל

אין דער נייעסטער, בעסטער קרעאַציע

MAŁA MATECZKA